STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07410

IN GANG

Shifra Weiss

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org



Copyright by Shifre Weiss
1932

פּאַציפיק-קאָאָפּעראַטיווע פּרעס 259 ווינסטאָן סט., לאָס אַנדזשעלעס

אין גאַנג

אין גאַנג

אין גאַנג,
איז יעדער טראָט אַ קלאַנג,
טרערן צו געזאַנג
גייט זיך מיט זיין גאַנג.

ווען אין האַרצן
בליט דער באַנג —
לייג איך מיינע הענט
אויפן קאָפּ פון צייט
און בענטש דעם טראָט,
און בענטש דעם גאַנג.

און צינדט אין האַרץ
די פרייד זיך אָן,
ווי זון דעם טאָג צינדט אָן —
ווערן מיר אַלע ווייטן נאָנט,
און יעדער גליד
דעם ווייַן פון לעבן מאָנט.

קומט אַנטקעגן מיר
אָפּגעדעקט פון נאַכט די וועלט;
פעלדער אין זון אויפגאַנג
דערלאַנגען מיר די הענט.
ווי אַן ענג־געפּאַסטע קלייד
פאַלט צו צו מיר געזאַנג.
שנורן פערל אַרום מיין האַלדז —
פון האַרץ צו האַרץ דער גאַנג.

הענט

זענען געקומען צום זינען
פארשעמטע הענט
פארבלאָנדזשעטע הענט
האָבן וועגן געפונען.

גאַסן אייגענע, שטעט און דערפער,
לייבלאַכע קרויווים,
זענען אנטקעגן געקומען
וועלט און לעבן אייגענע ברידער.

קושן די אויגן,
אייגן פארמעגן;
מאַמעלאָך טייערע, גוטע —
מאַמעלאָך הענט
זענען געקומען צום זינען —
אייגן לעבן צום הארצן גענומען.

דאָס האַרץ פון דער וועלט

ווי צעאַקערט לייב פון פעלד,
באַגינענדיק געזייט,
מיט זון באַזונגען און באַשפרייט,
מיט גאָלד פון פולע זאַנגען,
בליען אונזערע פארלאַנגען.

ווי צעגרינט, צעצווייגט, באַבוימטער וואַלד,
אין דער טיף און אין דער ברייט,
געאָדערט, געוואָרצלט אונזער גלויבן,
ווי שטיין געלייגט:
דעמבעם אונזער טראָט.

ווי אייזערנע רערן אין אינגעווייד פון שטאָט—
שטאָלענע זעגן אונזער טראָט,
ווי צעפלאַמטע זון אויף מויערן און טורעם-קעפ,
האַרץ אין האַרץ — איין בלוט.
אין אונזערע אָרעמס
בייטן מיר דאָס האַרץ פון דער וועלט.

טײַנעס

טײַנעס,
ווי מאַמעס שטראָף־רייד
שנײַדן אין אונז,
ווי אין אַלטע בוימער
טעמפּע זעגן.
נאָר מיר
קענען אַנדערש איצט ניט ווערן.
דאָס לעבן אַרום אונז: —
אַ מאַכנע ברוינע בערן.
איין קרומער טראָט —
מיר שטייען אין געפֿאַר
אײַנגעשלונגען צו ווערן.

טײַנעס,
ווי הונגעריקע קינדער־געשרייען,
שפּיזן אונז אין האַרצן.
מיר הערן,
נאָר מיר קענען איצט אַנדערש ניט ווערן,
דאָס לעבן אַרום אונז:
אַ וואַלד מיט ווילדע לייבן.
איין קרומער טראָט —
און ס'פֿאַרצוקן אונז די לייבן.

טײַנעס,
ווי טראָפּנס רעגן
אויף צעשפּאָלטענע פֿעלדער;
אָדער ווי קושן,
ווען דוירעס פֿאַרוועבן.
נאָר מיר
קענען איצט אַנדערש ניט ווערן:
אַ צעפֿלאַקערטער וואַלד — אונזער לעבן.

קינד מיינס

קינד מיינס, איך קען דיינע גלידער
מיט קיין אייל ניט שמירן,
הארטער לעבן פארלאנגט פון מיר:
דיך גלייך אין לעבן פירן.

בא די קעסלען, וואו ס'גליט דער שטאָל,
און ס'פלאמט דער אייזן,
בא די מילשטיינער, וואס מאָלן —
עמעס — לעבן דיר באווייזן.

כדי דו זאָלסט דיינע גלידער שטארקן,
דיינע מוסקלען שטאָלן,
און ווען נויטיק, ווי די מילשטיינער,
זיין גרייט אלץ צעמאָלן.

דיינע הענט, ווי שטייפע האמערן
זאָלן אי ברעכן, אי בויען.
דאָס לעבן, קינד מיינס, פארלאנגט אזוי—
צו ברעכן און צו בויען.

דאָס לעבן אנטקעגן

אמאָל פלעג איך יעדן בענטשן,
האָט דאָס לעבן אויף מיר זיך געזעצט,
מיך געבויגן.
האָב איך דערזען אינגאַנצן דעם מענטשן,
האָבן זיך די ליפּן מער ניט געהויבן.

נאָר מיין הארץ האָט מיך ניט געפאָלגט,
דאָס אייגענע געבליבן:
אויף מידע קעפּ ווי מאַמע־הענט געלעגן.

האָט דאָס לעבן מיך געצויגן
אין ענגע שפּאַלטן,
אויף פארפּלאָנטערטע וועגן;
און נאָך איצט קען איך ניט שילטן.

אמאָל פלעג איך הארציק לאַכן,
און נאָך היינט קען איך ניט וויינען;
פון די טויזענטער, טויזענטער זאַכן,
וואָס האָבן אויף מיר זיך געזעצט, מיך געביטן,
וואונדן אין לייב אריינגעשניטן.
האָב איך געשטעלט אויף יאָנטעוו וויינען.

טראָג איך דאָס לעבן אנטקעגן
אין מיינע אויגן א ווייניקן רעגן.

צום מאַן

מיינע ווייכע גלידער
האַרטעווען זיך פון טאָג צו טאָג,
רייבנדיק אָן האַרטן לעבן;
זינגען שוין ניט מער פון מיר פּאָעטן
ווי פון שפּין־געוועבן.

מיט דלאָט און האַמער פולע מיינע הענט,
בוי איך באַגלייך מיט דיר דאָס לעבן,
מיין טראָט ברייט און טיף,
גייענדיק בײַ דיין זייט
אויף שווערע וועגן
האַרטעוועט זיך מיין לייב און לעבען.

איך בין ניט מער קיין שפּילכל
פאַר אויסגערוטע גלידער;
איך דערלאַנג מיין האַנט דער וועלט,
ווי אַ שוועסטער אַ ברודער.
דריקן זיך ברידערלאַך פאַרהאָרעוועטע הענט.
כאַווײַרים זענען מיר,
עס האָט דאָס לעבן אונז גלייך ענג געשמידט
אין איין אייזערנער וואַנט.

אקערן מיר פעלדער זייט ביי זייט,
שמעלצן אייזן אין איין פייער,
דרייען רעדער פון מאַשינען,
וועבן, שפּינען,
בויען, שמידן,
פאַרשפּייזן די וועלט מיט ברויט.
נאָר ווען מיר רייסן אָפּ
צייטיקע קאַרשן — אייגענע מינוטן —
גיסט זיך אונזער ליבשאַפט איבער די ליפּן,
עכט און גאַנץ זענען געבליבן אונזערע בליטן.

שאָפּ ליד

אין דרויסן בלענדט די זון,
און איך זע נאָר דעם שוואַרצן מאַנטל
אין מיינע נייענדיקע הענט.
דער טאָג איז ווי די זון צעברענט —
און איך מיט מיינע שביינים געצאַמט
אין ענגע, קאַלטע ווענט.

דורך די שויבן קענגן איבער אויף א דאַך,
פאָרן זיך טוליענדיקע טויבן, זינגען זומערדיקע לידער.

מיין מידקייט, מיינע שביינעמס בענקשאַפט—
ווי קראַנקע פויגל אין מיינע גלידער.

דורך די פענסטער ברענגען ווינטן
גאַס סיגנאַלן:
מען זאָל זיך אָפּשטעלן אָדער ווייטער גיין,
צום דאָס הארץ ווי קינד צו מאַמען —
מיט אַלע ארום מיר,
אין גאַס אויף זון צו זיין.

ליגט דער פרעמדער מאַנטל ווי א שוואַרצע נאַכט
אין מיין שוים פאַרשעמט.
די נאָדל, די שפּילקעס, די שער און זייד,
ווי מען וואָלט פון בענקענדיקע לייבער
בענאָדים געניים,
ווי באַטריפט מיט בלוט פון הערצער פאַרקלעמטע.

איך מיט מיינע געצאַמטע שביינים
צוזאַמענגעסטריגעוועט, צוזאַמענגעשטעפּט,
אין ליבשאַפט געקלאַמערט הענט אין הענט,
ווי אומזיסט געשלאָגענע קינדער —
שלוקערצן פאַרשניטענע לעבנס,
אויף די גרויע, קאַלטע, שטיינערנע ווענט.

מיט יעדן טאָג

מיט יעדן טאָג
וויל איך פון דאָסניי
אָנהויבן מיין לעבן,
ווי געשטיקטע רויטע בלומען
אין ווייסן זייד,
מיט דער וועלט זיך פאַרוועבן.

ווי קינדער אין שולען,
יעדן טאָג שטודירן,
זאָל מיך מיין הארץ
אין לעבן פירן.

ווי קערב מיט מאַראַנצן,
מיט וויינטרויבן און קאַרשן
אויף געדעקטע טישן —
זאָל יעדער טאָג פון מיין זיין
אין די ליידיקע קרוגן פון לעבן,
ווי ציענדיקער ווין זיך גיסן.

מיט דער הונגעריקער מישפּאָכע,
אַרום איין טיש,
מיט ווין און מיט ניס,
מיט אויבס צום גומען —
זאָל יעדער טאָג פון מיין זיין
ווי שפּייז צום לעבן קומען.

די וועלט זאָל מיר אונטער אַלע זיבן הויטן
פאַרגיין,
ווי דער צאַר און די פרייד פון מיינע קינדער,
זאָל יעדע רעגע פון מיין זיין,
מיין האַרץ אַ נאַקעטע דער וועלט צוקאָפּנס שטיין.

מיט דיר

אין דיינע גוטע רייד
זענען געזונטע מענער די נעכט מיט זעג —
צינדט די זון מיינע טעג,
קריכן פעלדער אַרוים פון נאַכטיקע צודעקס;
שטעקן בערג די קעפּ אַרוים —
גיסט די זון אויף זיי איר וויין,
כאַפּן זיך קינדער אויף,
קוקן מאַמעס אין אויגן אַריין.

אין אייגענע מינוטן צעוויגן זיך מיינע יאַמען,
מיט האָב און גוטס ראַטעווען זיך מיינע שיפן,
ס'דערזען לאַנד געניטע קאַפּיטאַנען;
מיר אַנקערן זיך אין האַפנס,
דערפרייטע מאַטראָסן ברייגגען געזאַלצענע שטורעמס
אויף דער ערד.
— — — — — — — — — — — — —
איך טרינק צעטריפטע זון.

זונטיק

זונטיק האָט די שטאָטישע כייע זיך פאַרגעסן ברומען,
ליגט מען שפּעטער אין די בעטן מיד מיט רו אַרומגענומען.
פאַבריק־צונגען וועלן היינט דאָס בלוט ניט לעקן,
נאָר אין די ווינקלען פון קאַסטן לעבן האַלטן זיך די וואָכעדיקע שרעקן.

אַז מען הויבט שפּעט אין טאָג זיך אויף,
גלייכט מען אויס דעם מידן גוף,
ברעכן נאָך צעבראָכענע די ביינער,
וואָס האָבן אַ לאַנגע וואָך געריבן זיך אָן לעבנס שטיינער,
און וועלן מאָרגן ווידער זיך דערלאַנגען.
צעקלאַגן זיך אין אַלע קאַמערן די באַנגען,
דאָס וואָכעדיקע הויבט אָן אין בלוט צו בייסן,
לאָזט מען זיך פון קאַסטן־היים אין קאַסטן־דרויסן.
ווערן גאַסן פול מיט זונטיקדיקע קליידער.
אין די שיינע קליידער וויינען וואָכעדיקע לייבער.
איז שווער דעם טײַוול זיך איינגאַנצן אָוועקגעבן,
זוכט מען יאַנטעוו אין די ווינקלען פון שיידימדיקן לעבן.
און אַז דער שיידים־לעבן האַלט די שטאָט אין וויגן,
מאָנט דאָס ווײַנענדיקע בלוט כאָטש אַ סימען יאַנטעוו קריגן.
נאָר בייזע מויל פון שטאָט מיט די לאַנגע צונגען
האָט יאַנטעווס ריינעם פּאָנים לאַנג שוין איינגעשלונגען;

שווערע רעדער האָבן דעם קלאָרן גוף אין שטויב צעריבן,
איז פאַר מאָנענדיקע בלוט אין גראָבן בויך פון שטאָט געבליבן,
נאָר זונטיק־שיידימדיקע וויגן.

איך וואָלט וועלן זיין

איך וואָלט וועלן זיין ווי אַ בוים ;
זיך ניט פרעגן,
אין זון צי אין רעגן,
ווי טיף די וואָרצלען און ווי הויך דער קאָפּ,
מיינע צווייגן זאָלן ווי מאַמע הענט זיך לייגן
אויף יעדן מידן קאָפּ.

איך וואָלט וועלן זיין ווי אַ וואַלד
אין טיפֿן גרינעץ ;
ווען הונגעריקע קינדער קומען מיך קלייבן,
זאָלן זיי אויף אַלע מיינע צווייגן
ביז צו די וואָרצלען
מיך ווי יאַגעדעס געפינען.

איך וואָלט וועלן זיין ווי אַ יאַם,
מיינע ברעגן זאָלן אין שטעט זיך געפינען,
אויף מיינע פלאַכן זאָלן קינדער שווימען,
אין מיינע גרונטן זאָל מען פערל געפינען.

איך וואָלט וועלן זיין ווי וואָלקנס
מיט פולקייט אָנגענומען,
ווען דער צעשפּאָלטענער לעבן מאָנט מיך —
זאָל מיין זיין ווי מאַי־רעגן קומען.

איך וואָלט וועלן זיין ווי פעלדער
מיט רייפע, גאָלדענע זאַנגען,
דאָס לעבן זאָל ווי ברויט מיך דאַרפן ;
צו מיין שעפע זאָל יעדערער דערלאַנגען.

איך וויל זיין ווי פרילינג ;
צעאַקערט, פאַרזייט, צעגרינט,
צעבלומט, צעבינדט, צעזומט, מאָניק,
מיטן גאַנצן לעבן ווערן איינס,
ווי וואַקס מיט גאָלדענעם האָניק.

מיין וועג

איבער די געאַדערטע וועגן,
איבער די קעפּ פון די יאָרן,
איז די גאַנצע זון
אין געהענים פאַרברענט ניט געוואָרן.
אונזערע וואונדן אויף שנורן געצויגן
אַנטקעגן לעבן:
ווי איבערן וואַלד אַ צעברענטער רעגנבויגן.

ווענען מיינע מאַמע־אָרעמס
איבערן צעשראָקענעם וואַלד
מיט קיין טאָרבעס ניט געקומען.
וואָרצלען און זאַפטיקע צווייגן —
אין מיינע ביינער פאַרנומען.

מיין האַרץ ווי אַ בלוטיקע זון,
איבער שפּיציקע דעמבעס פאַרנאַכט צעשפּרייט,
זיך פאַרמאָסטן מיט זיבן און זיבעציק
זיכערע טויטן —
שעלין, היינען, וויטמאַנען
און ענג אייגענע:
רייזענען, מאַני לייבן, לייוויקן, משה לייבן.

פּעפּער און באַריק — אין האַרץ פון לעבעדיקע קוואַלן;
איבער מאַלאַדאָווסקעס טפילעס,
איבערן לעבן פון טרערן אויף ענגע געאָדערטע וועגן,
באַם אייגן בלוט קלייבן ווערטער, ווי קינדערשע אויגן.
מען זאָל אויך מיך דערזען אין צעברענטן רעגנבויגן;
איבערן צעווייגטן וואַלד זאָל מען אויך מיך דערהערן.

סאָוועטנלאַנד

אונזערע וועגן,
בערגיקע וועגן,
פון אַלע טאָלן זענען מיר
צו די בערג דערגאַנגען.
אַרום צעפּלאַקערטע פייערן
לעבן מיר אונזערע כאַלוימעס.
איבערן וואַלד קלינגען נאָך אונזערע טריט,
דער קלאַנג פון זיג קלינגט אָפּ;
הערט מען אונז איבער גאָרער וועלט;
זעט מען אונז איבער אונזער אויפבוי —
מיר און זון — מיטן פּנים צו דער וועלט.

איבער אונז בליט דאָס לעבן.
אונזערע אויסגעשטרעקטע הענט
וויקלען זיך אַרום פון לאַנד צו לאַנד,
מיר קלאַמערן צום האַרצן די וועלט.
פון אַלע טאָלן צו די בערג,
מיט אויפגעגאַנגענער זון,
אונזער ווילן פון דער טיף,
אונזער פּנים צו דער וועלט.
מיר זענען צו זיין.
מיר זענען זיג.
ווי גאָלדענע גלאָקן פאַרקלינגען מיר דאָס לעבן.
די זון האָבן מיר געאַנקערט
פון אונזערטוועגן.

רעגעס

(מיינע זינעלאַד)

מיינע אומעטיקע שאָען
רינגלען מיך אַרום,
ווי שטילע הינער,
מאָנען קערנער פון די הענט.
רייס איך אויס די קאָרנס
פון מיינע מאָגערע יאָרן
און קאָרמע מיינע הונגעריקע הינער
פון די הענט.

איינגעגעבענע שאָען לאָזן זיך ניט פאַרשעמען,
טוליענען זיך אין מיר,
ווי שאָף מיט געקרויזטע וואָלן.
צי איך זיך מיט זיי אַרויף, אַרויף —
פון די טאָלן,
אויף די קעפּ פון גרינע בערג.
וואַרף אַראָפּ פון זיך די קליידער מיט די צאַרן יאָרן,
איינגעשניטענע אין פלייש,
צוזאַמען מיט מיינע געטרייע לעמער —
באָד איך זיך אין גילדערנע רעגעס,
וואָס מאַמע זון שיט פון איר שויס.

פרילינג

פרילינג, מיט ווייכע ווארעמע הענט,
נעמט ארום די קאלטע וועלט,
בייזן ווינטער צו פארוויגן.
זינגט פרילינג א טפילע ניגן,
וויל ווינטער ניט אנטשלאפן ווערן,
וויינט מיט פערלמוטער טרערן.
צעעפנט פרילינג זוניקע די אויגן,
ווערט הארטער ווינטער ווייך;
לאזט ארונטער דעם שווערן קאפ,
און מוז זיך בויגן,
אף א גאנצן זומער שלאפן לייגן.

פרילינג, מיט גאלד געקרויזטע צעפ,
מיט ראז, פריש לייב
טוליעט זיך צו יעדן,
פארקריכט איןביין און בלוט;
שטורימט אויף דאס לעבן.

פרילינג, ווי א גוטע מאמע,
קושט דעם וואלד די גלידער;
גייט אויף דער וואלד אין פרייד,
טוט אן דאס גרינע קלייד;
דערזעט דאס פעלד דעם וואלד,
אין גרינעם קלייד,
קוועלט בא איר דאס הארץ פאר פרייד.
די זון ווערט רונד און פריילאך,
צעעפנט ברייטער אלץ די אויגן.
וואלקנס גיבן פולע ברוסטן
דארשטיקע פעלדער זויגן;
ווערן פעלדער פול מיט פרישן זאפט,
באהעפט לייב פון רייפער ערד,
פארגייט די ערד אין שוואנגערשאפט.

פון ווייטן וואנדער

איך קען ניט מעסטן
די צייט פון אונזער צעשיידונג
טעג און נעכט
זענען מיר אייביקייט געווען
ווען איך האָב דיך פון דיין ווייטן וואנדער
איבער מיין שוועל דערזען —
איז די צייט פון צעשיידונג,
ווי מאַי־וואָלקנס אין רעגן צערונען.
דיינע אָרימס אנטקעגן מיר
צום אומארמונג געצויגן,
ווי פּאַלמען צווייגן —
האָבן געבראַכט טראָפּישע וואַרעמקייט אויף מיר.
ווי אין אַ שפּיגל האָב איך זיך דערזען אין דיר.
אויף דיינע ווייעס האָסטו מיר געבראַכט
שטיקער זון.
האָב איך געטרונגען זון פון דיינע אויגן;
אויף דיינע אַקסלען דערזען דעם מידבר.
האָב איך ווי אַ קוואַל
צו דיין דאָרשטיקייט זיך צוגעטראָגן.
דיר געוואָרן אַ גרינע פעלד,
און דו פאַר מיר —
אַלע וואַנדער־וועגן פון דער וועלט.

ריין און ווייס

פרעגסט מיך פריינט:
וואָס בין איך אזאַ ליכטיקע, אַ ריינע היינט?
וועל איך דיר זאָגן:
איך בין ערשט אַרויס פון יאַם פון פיין,
זיך אויסגעבאָדן.
עס האָבן כוואַליעס צאַר —
מיר יעדן אייווער אויסגעשלאָגן.

בין איך איצטער ריין און ווייס.
זעט די גאַנצע וועלט מיר אויס,
ווי אַ גרויסע, גרויסע הויז,
וואו מען טוט זיך אָן און מען טוט זיך אויס,
אין יאַם פון פיין אַריין, אַרויס;
כוואַליעס צאַר, ווי ווילדע פערד,
טראָגן זיך רונד אַרום דער ערד,
ווי היישעריקן גרייט —
שלינגען איין און שפייען אויס,
ציכטיקן דאָס לעבן ריין און ווייס.

מיין פרייד

מיין פרייד
פון איינגע ווינקלען געקליבן;
מיינע קרוגן איבערגעגאָסן,
אויף יאָנטעוו פאַר דער וועלט
גרייט איך מיינע טישן.

מיין פרייד,
זעמל און טאָרט, פריש געבאַקן —
קינדער, אין דווירעסדיקן הונגער,
עסט געזונטערהייט אויף ביידע באַקן!

מיין פרייד,
פון אַלע מיינע פרילינגס איינגעשטעלט.
אַלע מיינע זומערס גיס איך צוזאַמען
מיט דער רייפקייט פון דער וועלט.

זעגלען

זעגלען מיינע זעגלען,
זוכן מיינע שיפן,
שיפן מיינע שיפן,
אין אַלע יאַמען וואַגלען.

יאַמען מיינע יאַמען,
באַ אַלע וועלטן־ברעגן,
טרינקען מיינע וואָלקנס,
און לאַכן אוים אַ רעגן.

אויף ווייטע־נאָענטע וועגן,
מיינע קוואַלן גיסן,
פעלדער פולע זאַנגען —
מיינע אויגן קושן.

רייפע קאַרשן־צייטן,
מיינע זעגלען רופן,
גייען אַנטקעגן
מיינע פולע שיפן.

„מאכן טיי"

קיין טיי וועל איך ניט מאכן —
זאט שוין פון צובייסן.
מיין פיין וועל איך פארלאכן,
מיין צאר וועל איך צערייסן.

עס שמעקט אצינד דער דרויסן,
דער טאָג איז אָנגעצונדן,
וועל איך אין די ווענט ניט בלייבן,
ווי א באָבע אין אלטקייט איינגעבונדן.

מיין לעבן מאָנט פעלדער,
מיינע טריט — נייע וועגן,
מיין יוגנט ציט צו וועלדער,
די הענט — צו ביימער און צו זעגן.

דער ציגל און דאָס ליים
שמעקן מיר ווי בלומען,
מיט מיין פרישן פרילינג
בין איך צו זיך געקומען.

וואקס איך מיט די פעלדער,
לעב מיט שטאָטישע פריידן,
מאכן טיי און זאָגן טפילעס
לאָז איך פאר דער באָבען מיט'ן זיידן.

סערפּ און האַמער

שניידן סערפּן פּוילן לעבן,
שטויבט דאָס אַלטע אין די טאָלן,
מילן מאָלן, אַלטע צייטן.
אין די שפּאַלטן ווערן באַהאַלטן
ווייסע קדושים.

פעלדער פולע בליען,
רייפע זאַנגען מאָנען שניט.
אין האַרצן פון דער וועלט
בליען מיר, וואַקסן מיט.

קושן סערפּן רייפע טוואוע,
שמעקט די וועלט מיט ברויט.
אין פעטע יאָרן רייפן מיר
מיט דער וועלט מיט ברויט.

און דער האַמער שמידט און שמידט,
בויגט דעם אייזן וואו ער וויל,
שפּריצט מיט פונקען, רונד אַרום —
אונזער וועג, אונזער ליד,
שמידן הענט ווערן ניט מיד.

גיסן איבער שטיין און ביין,
צעשטויבן קייטן, הונגער נויט,
מיט סערפּ און האַמער פולע הענט
גאַרבן מיר די וועלט.

לענין

צו אונזער דורשטיקייט ביסטו געקומען,
ווי א לויטערער קוואַל, ווי א וואַסערפאַל.
פאַרכאַלעשטע אין אונזער טריקעניש
האָבן מיר דיך געטרונקען, אין בלוט פאַרנומען.

ווי די זון באַגינענס צערייסט די נעכט,
האָבן אונזערע אויגן זיך אויפגעמאַכט,
אונזער געבוינגנקייט אויסגעגלייכט
צום לעבן, וואו דו האָסט אונז געצויגן.

ווי אַן אייביקער געטראַנק — אין יעדן אייוועד
דיין ליכטיקער איך.
האָבן מיר דערזען דורך דיר
רונד אַרום די ערד אַן אייגענע פאַר אונז.

האָבן מיר געביטן קייטן
פאַר הימל, פאַר ערד, פאַר זון און ברויט.
שטאַרקער ווי דיין לעבן איז אונז דיין טויט.
מיט דיר אין די גלידער
מיר פאַרברידערן, פאַראייגנען די וועלט.

אונזער זיג

אונזער זיג שפּרייט זיך,
ווי געזונטער זאָמען
אין לייב פון דער ערד.

אונזערע סימכעס בליען,
ווי פעלדער אין פרילינג.
מיר זענען ווי שעפע
אין געראָטענע יאָרן.

פון אונזערע העלדן
דער פאַרמעגן
האָט פעט געמאַכט דאָס לעבן.

שאַרן מיר מיט לאָפּעטעס
אונזער האָב און גוטס,
אונזערע קינדס קינדער
פאַרזאָרגן מיך מיט ברויט און האַרץ.

איך ניי

איך ניי און ניי
קליידער ניט פון קיין געוואנט;
זייד פון מיין לעבן
ציען מיינע הענט ארום דער וועלט.

מיינע האָפענונגען אויסגעצויגן,
צוגעשניטן, אָנגעמאָסטן
צו אַלע קנייטשן פון לעבן —
פאַלט צו דער סאַמעט פון מיין האַרץ.

ציטערן, פיבערן
מיינע פולע נייענדיקע הענט,
איך ניי פון מיין לעבן א העמד דער וועלט.

אוניווערזיטעטן

איך באַרים זיך ניט,
וואָס מייניקע זיינען ניט געגאַנגען
אין אוניווערזיטעטן,
קיין פּראָפעסאָרן ניט געוואָרן,
ווייסן ניט גענוי דעם גאַנג
פון זונען און פון שטערן.

אַ לעבן לאַנג
דער וועלט געקליידט, דער וועלט געשוכט,
געמויערט, באַאייזנט און באַשטאָלט —
פאַרבויט די וועלט.
פאַר טרוקן ברויט, מיט פּאַסן לעבן געצאָלט.

געזעגט זיך מיט די בוימער פון די צייטן;
גראָבנדיק אויצרעס, אין מינעס זיך פאַרשאָטן.
זיך געזייט מיט זאָמען אין די פעלדער,
אויפגעגאַנגען מיט דער טוואוע.
זיך געשניטן און געבאַקן —
דאָר נאָך דאָר זיך דער וועלט דערלאַנגט.

אונזער וואָל געשאָרן,
אונזער פלייש געגעסן,
איך באַרים זיך ניט,
וואָס מייניקע זענען ניט געגאַנגען אין אוניווערזיטעטן;
קיין פּראָפעסאָרן ניט געוואָרן.

מאָנטיק

מאָנטיק ווילד און בייז
ווי אַן אַלטע מעכאַשייפע,
קלאַפּט אָן באַ מידע אין די טירן,
די גראָבע האַנט פּראַלט אויף
האַלב־שלאָפיקע צום פירן;
פאַרגינט מען זיך אַ רעגע שפּעטער
טוליענען אין אייגן לייב,
אין וואַרים בעט.
קריצט בייז מאָנטיק מיט בייסיקע ציין,
גיכער אויפצושטיין.
מען קען נאָך פאַרזאַמען פאַבריקן־צונגען
וואָס האָבן, ווי טייוואָלים זיך צעקלונגען.
מיט דער סטראַשידלע כייע־הונגער,
ווערט דאָס וועקן געלונגען,
און די בייסיקע שרעקן,
ניט צו ווערן איינגעשלונגען,
לאָזט מען זיך פון אויפגעפּראַלטע טירן,
ווי שאָף צו דער שכיטע,
אין אייזערנע קוואָרים פאַרפירן.
פאַרשפּאַרט מען זיך אין אייזערנע ווענט,
אין שטאָלענעם יאָך,
אין טייוואָלים יאָגנדע מאַשינען;
און ווי פליענדיקע ראָבן יאָגן הענט,
ווי עס וואָלט די גאַנצע וועלט געברענט,
ווי אין טייוול־געיעג וואָלט געשטעקט
דער גאַנצער לעבענס־זינען.

מיר און איר

אייך געפעלן ניט די שוסטער און די שניידער־יונגען,
באוויזט, טוט זיך אויס,
לעבט זיך אויס, הוילע אויפן אייז —
קומט אויס אַן די גראָבע יונגען.

אין קירכן צעקלונגענע גלעקער
קלינגען אייך בעסער,
ווי שמידן און שלאָסער, ברוקירער און בעקער,
פאַרוואָס זאָלן אייערע געאיידלטע אויגן
ניט נאָכפליען אין הימל די פויגל?
פאַר אַ מאָלצייט זיך מאַכן כאָטש אַ האַלבן רעגנבויגן,
אַ פערטל זון און פאַרטרינקען מיט וואונדער,
איידער פאַרפלעקן די הערצער
מיט פאַריאָמערטע מאַמעס און פאַרהונגערטע קינדער.

אוואדע איז בעסער סימפאָניעס הערן,
איידער זיך אַראָפּלאָזן אין יאָמען טרערן,
קלייבן פּערל פון יאַנקל, חיים און בערל.
וואָס זענען אייך די בייקעס, ביילקעס,
וואָס נייען אויס די לעבנס?

צו וואָס אייערע הערצער פאַרפלעקן מיט די יונגען,
וואָס די וועלט פאַרמאָגען;
וואָס די וועלט פאַרנעמען.
צו וואָס אייך די טעכטער פון פאַבריקן?
וואָס ברייטן,
פאַרגרייטן,
זון זאָל זיין פאַר יעדערן;
שיילן אויס די מאַנדל יאָדערן,
ווי רויטע כופּעס
זאָל דאָס לעבן איבער אונז זיך שפּרייטן;

אַז אייך גייט ניט אָן זיך מיט אונז מעשאדעך זיין—
לאָזט צורו אונזער האָניק און וויין!
מיר האָבן איבערן לעבן פאַרוואָרפן אונזערע הערצער—
לאַנד צו לאַנד צעזאַמענוועבן,
אונזער ברויט, אונזער פלייש,
אונזער וועלט דערפירן צו אייגענעם טראָפּישן לעבן.

היינט

איך וועל זיך שיווע נים זעצן
נאָך מיינע יאָרן, מיינע נעכטנס,
וואָס זיינען פול אָדער ליידיקע
אוועק.
אויף דעם האָבן צייט אַלטע באָבעס
איינגעוויקלטע אין שרעק,
וואו דער היינט היינגט
אויף ביינערדיקע לייבער
ווי אַלטע זעק.

מיר איז דער היינט א געליבטער;
אין שטאַרקע אָרעמס נעמט ער מיך אריין,
טונק איך היינטיקן טאָרט
אין פיל יאָריקן ווייו.
מיין זיין, מיין נאָנטסטער פריינט,
איז דער איידעס, אז ס׳איז מיך מעקאדעש
דער היינט.

ווען איך בלייב מיט היינט אליין
באַנאַכט,
מאַכט ער בראָכע אויף מיין יונגקייט;
איך פארנעם געזונטע זאָמען פון מאָרגן,
וואָס ברייגגט מיר דעם היינט.

מיין שייכעס

מיט יעדן וואַלד בין איך אויף דו,
אין וועלכער שאָ איך קום
נעמט ער מיך ווי אַן אייגענע צו,
טוליעט מיך איין אין גרינער רו.

ווי אַ זיידעניו
דערציילט ער מיר מייסעלאַך
פון טאַטנס איכעס,
פון מאַמעס שטאַם
און פון מיר אַליין.
ווי איך בין געוואָרצלט, געצווייגט
אין וואַלד מיט יעדן וועג,
מיט יעדער בוים.

דאָס לעבן

דאָס לעבן איז פּאַרטיק,
דאָס לעבן איז אָפן ;
אַ לעבן פון פרייד,
אַ לעבן פון האָפן.

אַ לעבן פון ליבע,
פון גליק און פון רו,
פון אַלע ווינקלען
טראָגט זיך שוין צו.

ליבטיקע בסורעם
זונען צעצונדן ;
אין ליבשאַפט דאָס לעבן
פאַר אונז איז צעבונדן.

שפּרייט זיך ליבשאַפט
אויף אונזערע וועגן,
מיט בענטשונג און בראָכעס
פון זון און פון רעגן.

אין געיעג

דאָס געוועזענע אין קורצן,
דאָס געוועזענע אין שמאָלן,
לאָז איך רואיק פוילן
אין די ווינקלען פון די טאָלן.

דאָס אַלעמאָליקע אין טיפן,
דאָס אַלעמאָליקע אין ברייטן,
האָט מיין בלוט פאַרנומען
ברייטער צו פאַרשפרייטן.

שטאָל איך מיינע פליגל,
טראָג זיך קעגן ווינטן,
ווען נויטיק זיך פאַרמעסטן
מיט אָדלער דעם געזונטן.

קום איך אָן אַהין,
וואו מיינע פליגל מיך דערטראָגן,
עפענען זיך פאַר מיר נייע ברייטן
ווייטער זיך צו יאָגן.

יאָג איך און איך טראָג
נאָכן לעבנס זינען,
ווי אין יאָגן וואָלט געלעגן
גאָר דער זינען.

צען יאָר סאָוועטנלאַנד

אין דיינע הימלען צעבליטע זונען,
איז דער צאַר אין פרילינג־רעגן צערונען,
דאָס האַרץ פון דער וועלט האָט זיך געפונען.

אין די פרייד צעקלונגען,
פון די אויפגעריכטע,
גאָלדענע רינגען
אין קייט פון געשיכטע.

מיט רייפקייט פון דיינע פעלדער,
מיט צעגרינטע צעדערן באַ די וועגן,
ווי פון בליאונג פון ציטרינען
פאַרשמעקט דאָס לעבן.

צו דיינע צעבליטע בלומן
און בויענדיקע הענט
דאָס האַרץ און די אויגן
פון דער וועלט געווענדט.
דיין אַקעראייזן טראָט
פאַרנעמען מיר איבער די יאַמען,
פון דיינע אָפענע לוכעס די צען געבאָט,
לעבן מיר אויס מיט דיר צוזאַמען.

פינף און דרייסיק

דער לעצטער מאָלצייט

דעם לעצטן מאָלצייט גיט מען פֿאַרמישפּעטע,
וואָס זייערע הערצער גלוסטן.
מעגט איר איצט לעצטע, אין פּאַלאַצן פֿאַרלאַנגען
אַלע אייערע גלוסטן —
מיר זענען גרייט אייך צו דערלאַנגען, צו דערלאַנגען.

מיר האָבן אייך דערצויגן: אויף קינדער אין וויגן,
אויף בלויע און קאַרשן־אויגן,
מיר ווען אייך דאָס לעצטע מאָל אונטערטראָגן
דאָס טעלערל פֿון הימל אייך דערלאַנגען.

אייערע קליידער, פֿון אונזערע אָדערן און הויטן,
אונזערע טעכטער און זין אויף אייער מיסט געוואַקסן,
פֿון אייערטוועגן אָנגעמאַסטן.
לעצטע אין פּאַלאַצן, פֿאַרלאַנגט — מיר וועלן אייך
דערלאַנגעןדעם לעצטן מאָלצייט.

אונזער קאַמף

אין אונזערע אָרעמס
ווינגט זיך דאָס לעבן,
רייסן זיך וואָרצלען
פון די טיפן.
מיר ליינגן דאָס לעבן
אויף וועלכער זייט מיר ווילן.

מיר, די מילשטיינער פון לעבן,
מאָלן מעלן פאַר'ן ברויט,
און באַקן
אויף פייערן פון שטאָל און אייזן
זעטיקייט און פרייד.

אַלץ ארום אונז
ווי די ערד ארום אַקס,
אין גאַנג,
אין טאַקט, אין קלאַנג.
מיט אונזער גוואורע
וועלן מיר בייטן די ביינער
פון דער וועלט.

דאָ אין לאַנד

דאָ אין לאַנד

איך האָב געבראַכט פון ליטע:
מײנע, װי מײן מאַמעס, בלױע אױגן;
מײנע בלאָנדע צעפּ צום גאָלדן לאַנד געצױגן,
מײן באָבעס שעמעװדיקײט אין מײנע גלידער.
צו די שװעסטער האָבן מיך אַראָפּגעבאַכט מײנע ברידער.

נאָך װאָכן אין לאַנד
בין איך געװאָרן אין אַ פאַבריק אַ האַנט.
געיאָגן, זיך געטראָגן,
אין פאָרפאָרנע פאַרנאַכטן און בלױע פאַרטאָגן
אין אונטערערדיקע און איבערדאַכיקע באַנען.
ניט פאַרשטאַנען,
װי עס האָבן מײנע טעג זיך געשניטן.
פאַר דאַרן ברױט און דאָס ליב צו באַדעקן
געצאָלט מיט פאַסן לעבן.
אין ערשטן יאָר מיט דרײסיק פונט װײניקער געװױגן;
מײנע צעפּ אָפּגעשאָרן, די אױגן—אַנדערע קאָלירן,
זענען מײנע בײנער אין מיר אַנדערע געװאָרן.
װען דו זעסט מיך איצטער, מאַמע,
װאָלסטו ניט געגלױבט דײנע אױגן.
באָבעלע, װען דו קוקסט אַרײן אין מײנע שױבן,
װאָלסטו געזען: דײן שעמעװדיקײט אין מײנע גלידער,
װי געקױלעטע טױבן.

מיינע פיס

מיינע דאָרפישע פיס
פיר איך אום אין מאַשינען,
נייען זיי שיר ניט אראָפּ פון זינען,
זאָגן זיך אָפּ מיר צו דינען.

ברויגעזע וואָרענען זיי מיר:
זיי וועלן שטיינער מיר ווערן,
אויב איך וועל זיי ניט אומקערן
זייערע יאָרן צווישן ווייץ און קאָרן.

איך זאָל זיי בעסער פארשטיין;
זיי צוריקגעבן זייערע וועגן,
איינס מיט דער ערד
מאָנען מיינע פיס זייער לעבן.

עס זאָגט מיין הארץ

(ראָנוועלען)

עס זאָגט מיר היינט מיין הארץ
אויף אַ גרויסן גאסט —
עפשער אַ פויגל פון אַ וויטן לאנד
וועט אַ בסורע ברייגגען פון אַ שטילער נעסט.

עס זאָגט מיר היינט מיין הארץ
אויף אַ גרויסן גליק —
עפשער אַ טויב, פון הארץ פארפלויגן,
וועט זיך אומקערן צוריק.

עס זאָגט מיר היינט מיין הארץ
אויף אַ גרויסן נעם:
עס וועט מיין קינד מיט גאנצע גלידער
היינט צוריק קומען פון גאַס.

קאַליפאָרניע

קאַליפאָרניע,
אייליקע ערד,
מיט אָריענטן־טעפּיכער צוגעדעקט
רונדע צוועלף כאַדאָשים דורכן יאָר,
דאָך פאַלט אויף דיר די קלאָלע
פון הונגעריקע,
ווייל דו בליסט נאָר פאַר אויסדערוויילטע.

דער דרויסן
אויסגעצירט מיט לאָרבער־קראַנצן
פון אלערליי קאָלירטע בלומען
האָט נאָך קיין ברייטקייט
אין ענגע הערצער ניט געבראַכט.

אוראַלטע פּאַלמען
מיט ברייט־צעצווייגטע צווייגן,
ווי אָדלער מיט צענומענע פליגל פאַרן פליען
היטן אָפּ די טראָפּישקייט פון לאַנד
און טיפן די בענקשאַפט
פון די, וועלכע כאָלעמען פון נייע וועלטן.

קריכנדיקע פלאַנצן
וויקלען זיך מיט גרינעם שטאָלץ
דורך מי פון גערטנערס הענט ארום פּאַלאַצן.
קריכנדיקע פלאַנצן
קלעטערן גרין און געל ארום אָרים שטיבל
און שפּינלען אָפּ דעם טיפן צאַר
פון די קראַנקע איינוואוינער,
פאַרוואָגלטע אהער צו פאַרלייגערן דאָס לעבן.

דער צעגליטער פּאָנים פון דער זון
גיסט עמערוויים איר גאָלד און באַבראָנזט
געזונטע הויט.
דער ברענענדיקער פּאָנים פון דער זעלבער זון
וואַרעמט ווי אַ שטיף־מאַמע
די געקאָרטשעטע לייבער פון די הילפלאָזע
קראַנקע, וואָס זעען גאָר נאָענט,
קומענדיק מיט שטילע טריט, דעם טויט.

די פארגליוווערטע הערצער פון די בערג,
שטאָלץ מיט זייער שטאַם,
ווי זקיינים אויף פאַמיליען־סימכעס
האַלטן זיך וואַרים האַנט אין האַנט,
און דורך זייערע גרוי־בלויע אויגן
וויינט דער צער פון אויסגעלעבטע וועלטן.

צופוסנס בא די קייטן בערג
ציען פעלדער זיך אויף מיילן ווייט,
איינגעטונקט אין פרישן גאָלד —
אַפּעלסינען און ציטרינען
דריקן מיט שווערער רייפקייט
די צווייגן צו דער ערד,
ווי אייטערס פון אָנגעפּאַשעטע קי פאַר געמעלק.

אויף דער ברוינער ערד,
וואָס פאַרנעמט דעם גרויסן שעטאַך דאָ,
בליט אַ וועלט מיט ווייַן,
בונטן פולע טרויבן ביזן פּלאַצן,
ווי די ערד וואָלט מיט בראַכעס אָנגעקוואָלן זיין.
בעטן דורך זאַמדיקע ווינטן:
קומען זאָל מען זיי דערלייזן.
פאַראַנען דאָ גענוג פאַר יעדן יאָנטעוודיקן טיש.

בא די ברעגן פון פּאַסיפישן אָקעאַן,
וואָס וואַכט דאָ בא די רונדע בערגיקע ראַנדן,
שווימט פון צייט צו צייט דורך אַ שיף
און צערייסט מיט רעווערדיקע קוילעס
די מאַנאָטאָנישע לופט —
ברייננגט בסורעס פון ווייטע, לעבעדיקע וועלטן.

לעוואָנע־נעכט
פאַרלייגנערן דאָ די טעג.
שנורן מענטשן ציען זיך אויף שלאַנגען־וועגן,
און זעען אויס, ווי קאָסטבאַרע פּערל
אויף די שטאָלצע העלזער פון די בערג.
די שטילקייט פון באַוויימטע און באַשטיינטע וועגן
שניידט אין בלוט אריין.

שטייגנדיק צום פרישן פּאָנים פון טאָג,
צעלייגט מען זיך ווי מידע טויבן
אויף די שטיינערנע אַקסלען פון די בערג,
פּאָנים על פּאָנים מיט דער זון.
די זון מיט ברענענדיקע, רויטע טריט
קומט פון בלויע נאַכט־טעמפּלען אַרויס
און באַגיסט מיט לויטער גאָלד דאָס לאַנד.

ווערן אויגן פול
מיט ראַכוועסדיק־צעשפּרייט און רייף לאַנד.
בליט דאָס האַרץ צוזאַמען מיט נאַטור
באַ אַלע, וואָס טראָגן זון אין בלוט
פון דוירעס לאַנג,
ברענט אַ פלאַמיקער פאַרלאַנג —
פאַרלאָזן טפיסע לעבן פון וואָכעדיקן לאַנד,
קומען זאָלן אַלע אַהער!
פאַראַנען דאָ גענוג פרוכט און לאַנד,
נעמען זאָל יעדערער מיט פולער האַנט
דאָס געבענטשטע רונד־יאָר־בליִיִקע
קאַליפאָרניע.

קייטן בערג

בערג, וואָס קייטלען זיך אַרום מיין שטאָט!
איך קייטלט מיין אומעט איין
אין אייער קייט.
שטום איך מיט אייך צוגלייך.

ווי די שאַרבנס אייערע אין ווינטיקע טעג
אַריבער די פּערלמוטער־וואָלקנס —
מיין שטומער בענקען איבער אייך.
ווי פייערן אין אייערע טראַכטן —
דווירעסדיקער צאַר דורך מיר
האָט קיין אויסוועג נים.
זוך טרייסט.
טוליע איך זיך אין אייך, מיין גלייכן,
קייטלען מיר זיך אין איין קייט.
ווייט די בענקשאַפט דורך אונז,
כאַפּן עס דיווירבלען אויף,
טראָגן עס אַוועק אין די שפּאַלטן פון צייט.
אין צעבליטע פאַרנאַכטן,
ווען די זון גליט אויף אייערע קעפּ,
ברענט מיין בענקשאַפט
מיט אייך אין איין קייט.

שאַבעס בייטאָג

זון אין מיטן הימל
וואַרפט מיט ווייסע פליגל
פאַסן גאָלד
אויף שמאָלע, שטיינערנע גאַסן.

פון אויפגעפּראַלטע טירן,
אויפגעבוואַליעטע מאַסן,
לויזגעבונדענע,
יאָגעדיקע,
ווי צעווינטע צווייגן אין ווינטן.

טרייסלט מען אָפּ וואָכעדיקן שטויב,
ווערט דאָס האַרץ אַ בלויע טויב,
מאָרגנדיקער טאָג ווערט נאָנט,
לאָזט מען זיך אין אייגענע טיפן,
ווי אין אַ קלאָרן טייך,
זוכט מען פּערל אויפן גרונט.

ווערט מען פאַרטראָגן מיטן שטראָם
אין ברייט באַזילבערטע, באַגילטע גאַסן,
וואו צוגעטראַכטער יאָנטעוו
בליט אַ גאַנצע וואָך.

פענצטער אויסגעצירט מיט האָב און גוטס
בלענדט דאָס אויג.
טירן נאַרן און פאַרפירן;
אינעווייניק ביים מען שטיקער האָרעוואַניע.

אַז מען לאָזט זיך אַרויספירן
דורך דרייעדיקע טירן
אויף פרייער לופט —
אויגן הייבן אָן זיך קלאָרן,
פון גרויע וואָכן, שווערע יאָרן,
ווערט מען ווי נייגעבאָרן.

די זון אין מיירעוו שיט פון טאָג
די לעצטע טרייסט,
פאַלן שנורן רויטע קאַרעלן שטראַלן
צו פיס פון מידע גייער;
טוליעט מען זיך צו ביין־האַשמאַשעסדיקער רו;
מאָרגנדיקער טאָג קריכט אין בלוט.

ווערן האַרטע שטיינער מילד,
גאַס — אַ פרישע פעלד,
כאַטש נעם צי זיך אויס,
ווי אין היימיש קליין שטעטל,
ווען טאַטע־מאַמע זאַטע רוען
אין נאָענטן וואַלד שאַבעס בייטאָג.

צו מיינע זין

איך ווייס,
מיינע רייד
זענען ניט פון סאמעט,
ניט פון זייד,
וועלן ניט געפעלן ווערן
געשולטע דאמען
און קולטעווירטע הערן.
נאָר דו, מיין קינד,
וואָס ציסט מיין האַרץ אַרויס
דורך מיין לײדיק ברוסט,
זויגסט דעם עמעם אויס.
ווי פאַרשעמט עס ווערגט אין האַלז
די רייד,
ווען אויפן טיש שטייען ליידיקע געפעס
און מען עסט זיך אַליין
גליך נאָך גליך פאַר ברויט.

און וואָס קענען זאָגן די טאַטעס,
וועלכע ברײנגען פאַרשעמטע הענט
און פאַרקלעמטע האַרץ
ווייב און קינד פאַר ברויט?
מיר זענען פאַרשטיינערט געוואָרן
אין שטיינערנעם וואַלד פון דער נויט;
מיר וועלן די קייטן צעבייסן מיט די ציינער
און וועלן אַראָפּ אויף דער וועלט,
ווי אַ האָגל פון שטיינער.

פאַרמישפּעטע כאַווײרים

מען האָט אײך אויסגעריסן פון אונז
געזונטע ציין אין מויל.
די שטאָטן האָבן דערפילט אין אײך—
אונזער בײסן;
איר האָט די טויערן פון קאַפּיטאַל
אויסגעריסן מיטן פלײש,
די גאָלדענע זאַװעסעס,
װעלן זײ שוין אײביק בלײבן אָפן.
איבער גאָרער װעלט הערט מען פון גאָלדן לאַנד דאָס פאַלן.
אונזערע הערצער זענען מיטגעריסן מיט אײך,
אין אײערע געצאַמטע װינקלען
װאַכן זײ װי מאַמעס איבער אײך.
אונזערע פולע הענט רוען ניט,
מיר רײסן אויס די טויערן פון לאַנד אין לאַנד.
כאַװײרים אונזערע — אויגן אין קאָפּ,
דורך אײך טרעטן מיר איבער די שװעלן
פון אײגענע װעלטן.
דורך אײך ברענען מיר מיט ליבשאַפט צו אונזעריקע.
אָן אײך איז אָפּהענגיק דאָס לעבן פון אונזערע
קינדס קינדער.
מיר װעלן די שטײנער־װענט, װאָס האַלטן אײך געקלעמט
צעטראָגן, צעבײסן,
אײך אומקערן אײערע גאַנצע, רונדע, פולע לעבנס.

פּופּציק

זאל

זאל!
ווען עס איז אין דיר א באַל,
מיט יונגע טאַנצנדיקע פּאָרן —
זעסטו אוים ווי א פעלד אין ווינט,
א יאַם מיט ווייץ און קאָרן.

ווען דו ביסט מיט אַלטווארג פול,
וואָס זאָגן טפילע מיט פולער מויל,
מיט פולע הערצער צאַר און יאָרן —
זעסטו אוים ווי א הייליק פעלד
מיט פרישע אויפגעגראָבענע קוואָרים.

ווען דו ביסט ביז צו די ווענט
מיט געזונטע ארבעטער פול
און עס דונערט פון בינע א קאָל:
אז די ביינער פון דער וועלט
מוז מען איבערשמעלצן,
די וואָרצלען איבערפלאַנצן —
זעסטו אוים ווי באַזונטע פעלדער
מיט צייטיקע מאַראַנצן;
צעגייט זיך אין אַלע גלידער
זאַפטיקער ווימן,
ווי צייט מיט מאַמע הענט
וועט איר האָניק און מילך
אין הארצן אונז גיסן.

זעקס באַגינענס

(מיינע זינעלאר)

זעקס באַגינענס דורכן וואָך
יאָג איך פון זיך די נעשאָמע.
ווי צו אַ בייזן וואונדער,
טראָגט מיך אַ באַן צו אַ פאַבריק;
דורך שאָען ווי יאָרן —
וויגט זיך מיין לעבן אויף אַ שטריק.

און ווען איך בינד זיך אוים —
אָן קויכעס לאָזט עס מיך צוריק:
צים זיך דער וועג ווי דער גאָלעס.
מאַכנעס ראָבן מיר אין הארצן —
שרעקן איבער מיין קאָפּ.
וואָס מיט אייך, מיינע פארלאָזטע שוואלבן —
האָט געקענט פאַסירן דורכן יאָריקן טאָג.

ברוינע שוועסטער מיינע

ברוינע שוועסטער מיינע!
אייערע לייבער אויסגעזונטע
זענען מיר פרעמד.

אייערע בויגעדיקע גלידער
מיט מאַראַנצן רייאַך;
און פעלדער — די שוואַטים־טענץ —
זענען מיר פרעמד.

נאָר אייערע געבייטשטע לייבער
פון הערשערס הענט
זענען מיר ניט פרעמד.

אייער ציין־פּאַרקריצטער אויסגעשריי
און געבאָרן־ווויי
איז מיר אייגן.

אייער יעדער נייער דאָר —
מיר אייגענער און מער,
קום איך אייך אַנטקעגן
מיט דעם שליסל פון מיין שטאָט.

מיין היים

אין מיין בלוט האָט זיך באַזעצט
צוויי טויזנט יאָריקער וואַנדער לעבן—
זיינען שטעט פאַר מיר צו קליין.
מיין קאָפּ רוט
אויף אַלע ווינטן פון פרייען רוים.
מיין וועג — דער וועג פון שטערן,
מיין היים אין מיר אַליין.

שטאָט ליד

שטאָט, גאַס, אייזערנע טאָלן,
צווישן שטיינערנע ווענט
צעשאָטן, צעמאָלן;
דער און דער, און ער —
קיין נאָפּקעמינע ניט מער.

קליידער און לייבער,
ביינער און איך —
אין מיסט פאַרוואָרפן,
ווי שמאַטעס, ווי צעריסענע שיך.

נעשאָמע צום זימס צוגעקלעפּט,
ווי אויסגעקייטער קייגומע,
שפּעטער ווידער אין מויל צו נעמען—
דער און ער, און ער—
קיין נאָפּקעמינע ניט מער.

פון צעשאָטענע צעפּ
אָפּגעטאָן דער כיין;
ווי ניט צעפּליקטע פעדערן
אין ציכן אומריין.

רייאַך ווי פון שלאַכטהייזער,
ווי פון נורעס, קופּעס מיסט,
וואו קרעץ און וואונדן —
מערן זיך, פּלאָדענען זיך וויסט.

פאַרשאָלטענע בריסט,
באַשפּיגן מיט צעקייטן טאַבעק־גאַל;
ווי פון מייז צעגריזשעט —
אין קלייטן פאַרשימלטע זעק מעל.

די טויערן פון דוירעס,
וואָס מאַמעס ווי שוואַרצאַפּל היטן —
אין רינשטאָק פאַרוועריםט
פון לעבן די בליטן.

נאָנעס

נאָנעס אין שוואַרצע קליידער
פאַרפינצטערן די טעג;
אין זוניקן לעבן
טראָגן זיי שטיקער נעכט.
זייערע ווייסע הויבן,
ווי פּלאַטערדיקע טויבן אויף זייערע קעפּ,
שלעפּן זיי צו די הימלען פאַר די צעפּ.
די קאַרעלן
און די גאָלדענע ציילאָמים
פאַרדעקן און דערציילן
און לאַכן אָפּ
פון פּיצינקע נעשאָמעלאַך
און קליינינקע מענטשעלאַך —
פון אַ וועלט מיטן קאָפּ אַראָפּ.

א גאַס באַנאַכט

נאַכט, ווי אַ מידער בער אין שוואַרצן פעל
ליגט אויסגעשפּרייט אין גאַס;
די רו, ווי דער יאַם נאָך אַ שטורם,
קוים וואָס אַ שיף באַוועגט זיך.
די יאָגעדיקע כוואַליעס, קופּעס מענטשן,
וואָס שלאָגן זיך אַ לאַנגן טאָג אָן די האַרטע פעלזן פון לעבן,
ליגן ווי צעשלאָגענער שוים
אין כאָלעם פון בלייכער, היימישער רו.
נאָר וואו ניט וואו אויף אַ רייכן געשעפט
פאַלט אַ בלאַסער שיין, ווי די עלעקטרישע ליכט,
וואָלט מיד געווען.
די שטילקייט, ווי פון איינעם, וואָס ליגט אין אַן אָרן
און וואַרט אויפן לעצטן קאָוועד,
שניידט אין בלוט אַריין;
די איימע פאַלט, ווי פון אויסגעהאַקטע פענצטער
פון אַ פאַרלאָזטן קלויסטער ערגעץ אויף אַ וועג.
אויפן ברעג גאַס שטייט אַ פאַרליבט פּאָרל,
זינגט שטיל, יונגע בלוט באַגערן;
פון צייט צו צייט צעבראַזגען זיך רעדער
פון אַ דורכפאָרנדיקן וואָגן.
אַ יונגער טרייבער פייפט די עלעגיע מעלאָדיע אין נאַכט אַריין.
אַ פאַרוואָגלטער כאַפּט זיך אויף פון לייכטן דרימל,
טוליענדיק אין שמוציקע שמאַטעס,
זעט ער, אַז עס איז אַ חלום נאָר געווען,
אָנשטאָט אַ ווייך בעט — אַ האַרטער שטיין.
אַ היימלאָזע צוויג אין ווייען פון געבורט
בייסט די שוואַרצע פעל פון נאַכט און גאַס.

גאסן

גאסן אַלערליי,
מאַשינען אין זיי,
מענטשן אין זיי.
געדאַנקען אַלערליי,
אַ געיעג,
אַ געדריי,
ווער, צום שפּיטאָל,
ווער, צו אַ באַל,
ווער צו לאָטעריי,
ווער, צו אַן אויסגעבאַלעמטער פרייד;
ווער, אין די פליגלען פון טויט.
ווי יאַגעדיקע כוואַליעס
רייסן,
בייסן,
פאַסן,
אַ געיעג,
אַ געדריי,
מענטשן,
מאַשינען,
גאַסן, גאַסן,
ווי מאַכנעם ראָבן,
וואַלטן אָנגעפלויגן,
און מען שלינגט די וועגן,
זיך צו ראַטעווען פון זיי.

אָרגלען

מיין גוטע באָבע האָט דערציילט,
און איך האָב מיט אַ קלאָפּנדיקן האַרץ געהערט:
ווי אייסעוו האָט דעם בייסהאַמיקדעש צעשטערט,
אין גאָלעס אונז פאַרטריבן,
פאַרנומען אונזער פאַרמעגן,
אונזערע אָרגלען אין טרייפע קירכן אַריבערגעטראָגן;
פון דעמאָלט אָן האָבן מיר זיך פאַרשוואָרן,
אַ ניידער זיך געגעבן —
קיינמאָל קיין שפּילנדיקן אָרגל ניט צו הערן.
ווען די מאַמע פלעגט מיך קושן און די באָבע — בענטשן,
פלעגן זיי מיר זאָגן:
פאַר אַ אידיש קינד אין קירך צו גיין
שטראָפט גאָט ווי פאַר הארגענען אַ מענטשן.

האָבן די מייסעם מיך אין האַרצן געביסן.
אַרום מיין שטעטל אַ דעמבענער וואַלד איז געוואַקסן,
האָט מיין יוגנט פון אונטער דער הויט צו אים זיך געריסן:
האָב איך דער באָבעס מייסעס און דער מאַמעס קושן
איינגאַנצן ניט פאַרשטאַנען.
אויף אַ הויכן באַרג, נאָענט צום וואַלד,
אַ דייטשישע קירך איז געשטאַנען.
אויפן טורעם פון קירך פלעגן טויבן זיך פּאָרן,
אין די ווענט פלעגן אָרגלען שפּילן, זינגען כאָרן.
ווען די גלאָקן פלעגן קלינגען,
האָט מיין האַרץ זיך אין פייערן געצונדן.
פלעגט מיין יוגנט איבערשפּרינגען די צאַמען
פון באָבעס גוטע רייד און די קושן פון דער מאַמען,
פלעג איך איינשטעלן מיין לעבן —
דעם גאָלעכס הינט און די שקאָצים,
וואָס זיינען מיר אַזוי געווען דערווידער,
אַז נאָר טראַכטנדיק פון זיי,
פלעגן מיר שטייף ווערן די גלידער...

ווי פון אַ שטורעם געטראָגן,
פליעג איך זיך אויפן באַרג אַרויפיאָגן,
צופוסנס באַם קירך זיך אַראָפּלאָזן אין די טיפע גראָזן.
פון ווייטן, די הינט, פליען די העלזער רייסן,
און שרעק פאַר די שקאָצים פליעגט מיר די ביינער בייסן.
פליעגט דער דעמבענער וואַלד, ווי אַ טאַטע,
איין זיינע אָרעמס מיך נעמען,
פליעג איך זיך צו אים צודריקן ביז האַרץ־פּאַרקלעמען.
די קלאָרע טייכלאַך מיט די ניגונים פון די אָרגלען צוזאַמענגעגאָסן,
פליעגט מיר דאַן גאָט אַליין די אויגן קושן.

זינט דאַן זיינען מיינע שיפן צו אַנדערע לענדער,
צו אַנדערע ציימן,
צו אַנדערע וועלטן דערפאָרן.
מיינע ביינער אין מיר זיינען אַנדערע געוואָרן.
זאַפטיקע געוויינען פון הונגעריקע קינדער
האָבן אין פלייש מיר געשניטן,
קאַליר פון מיינע אויגן און האָר געביטן.
איך ברייננג אויף מיינע קינדער אין אַ לאַנד פון דאָלאַרן.

דעם לאַנגווייל און לאַסט צו צעשניידן, גייען מיר אין קינאָס,
הערן אָרגלען שפּילן, אַנשטאָט באַבעס טכינעס.
מיין היים מיט טעלעפאָן, מיט ראַדיאָ —
פון מיין אָרעמער מאַמעס — בעסער איז און שענער,
אין מיינע ווענט, ווי וואַסערפאַלן,
גיסן, רייסן, וויינען, לאַכן אָרגלען טענער.
זאָגט צו מיר מיין זון :
ער וויל אַן אָרגל־לערער ווערן,
קען איך שווערן :
איך הער די טייכן אַרום מיין שטעטל פליסן,
איך הער שייפער בלאָזן,
און אַ פריידיקער רעגן פון טרערן
הויבט אָן אין מיין צעשפּאָלטענעם לעבן צו גיסן.
דער דעמבענער וואַלד הויבט אָן מיר צו גרינען,
ווי איך וואָלט מיט דער וועלט זיך האַרציק צוקושן.

מיין גוטע באָבע האָט דערציילט,
און איך האָב מיט אַ קלאַפּנדיקן האַרץ געהערט.

סאָרע בלעטערט

סאָרע בלעטערט איר לעבן ווי א בוך.
דערמאָנט זיך, ווי היינט וואָלט עס געווען:
אין א ליטוויש שטעטל, אין אן איינג שטיבל,
צווישן די מעבל איז זי אויך געווען.

געווען זיינען קינדער נאָך פיר,
און איינס א זויגלינג אין וויג.
דער טאטע, די מאמע, די באָבע,
און, אין א קעלט, נאָך די ציג.

די באָבע, איינגעוויקלט אין שמאטעס,
האָט די וויג געוויגט און וואָל געשפונען,
פון פולער הארץ, דורך רויטע אויגן,
האָבן טרערן און ליבשאַפט גערונען.

דער טאטע פלעגט וואָכן נאָכאנאנד ברייינגען פון מארק
אויסגעקוקטע אויגן און ליידיקע הענט;
שטאָט פייער אין אויוון און ווארימקייט אין הויז,
האָבן דאָרשט און הונגער אין די ביינער געברענט.

די, מאמע, געדיינקט זי: א גרעסערע פון זיך,
מיט אויגן, ווי אָנגעצונדענע ליכט;
דער מאמעס גלעטנדיקע הענט און דאָס הייסע הארץ —
פאר דעם גאנצן הויזגעזינד דאָס איינציקע געריכט.

זיינען טעג געקראָכן אויף אַלע פיר;
נעכט זיינען געווען, ווי הונגעריקע בערן —
האָבן אויפגעגעסן סאָרעס קינדערשע יאָרן,
איז סאָרע גרעסער פון טאטע־מאמע געוואָרן.

שלאָפט דאָס גאנצע שטעטל,
גאסן שטייען שאמינעסרע.
נאָר סאָרע קען ניט שלאָפן,
די אויגן ווילן זיך ניט שליסן.
עפעס וויל דאָס הארץ וויסן —
עמיצן פרעגן,
מיט דער הארץ צו דער וועלט —
דערגראָבן די וועגן.

איז פרילינג געקומען מיט זון, ווי פייער,
דאָס לעבן הויבט אָן שמעקן מיט בעז און מיט אאיר,
געקומען איז איינער דורך וועלטס געאָדערטע וועגן —
איז שוין דאָ ווער עס זאָל עפּעס זאָגן, וועמען צו פרעגן.

מיט סאָרעס הילף האָט ער ס'גאַנצע שטעטל יונגווארג צוזאַמענגענומען,
ווי צו אַ וועלט־סימכע איז יעדערער געקומען.
אין וואַלד דעם געדיכטן, צווישן די דעמבעס קלינגען אָפּ די רייד,
דאָס בלוט אין די אָדערן, ווי פון וויין, ווערט דערפרייט.
פּאַרלירן — זאָגט ער — קענען מיר קייטן, געווינען די וועלט...

ווערט סאָרעס הארץ ברייט, ווי אַ פעלד,
וואַרפט זי פון לאַנד צו לאַנד די הענט.
זינט דאַן איז קיין רעגע ניט אירע. צוזאַמען מיט כאַוויירים,
ווי אַ גוטע באַלעבאָסטע, ווי אַ מאַמע, ראַמט זי אויף די וועלט.

באַ אונז אין לאַגער

באַ אונז אין לאַגער
לעבט אַ נאָווי
מיט אַ גרייז גרויען קאָפּ,
און אַז אונזער נאָווי
זאָגט נעוויעס,
ווערט די גאַנצע וועלט
איין קאָפּ.

באַ אונז אין לאַגער
וואַקסן קינדער,
ווי מאַראַנצן
מיט זאַפט און גאָלד,
און אַז אונזערע קינדער
אין גאַסן טאַנצן —
ווערט די גאַנצע וועלט
אַ מאַראַנצן פעלד.

באַ אונז אין לאַגער
זינגען מאַמעס
קינדער אין די וויגן;
זינגען אויס דאָס האַרץ,
און אַז אונזערע מאַמעס
קינדער זינגען —
ווערט די גאַנצע וועלט
איין מאַמע־האַרץ.

קאַליפאָרניע

לאַנד פֿון אייל, ווײַנטרויבן און מאַראַנצן!
צום טאַקט פֿון ברענענדיקע זונען
פֿלעגן די אינדיאַנער די נעכט אָנצינדן,
אַרום צעפֿלאַקערטע פֿײַערן זייערע הייסע בלוטן
אין שלאַנגען טענץ אויסטאַנצן;

צום ריטם פֿון קייטן שטיינערנע בערג
מיט פֿײַער אין די אויגן זייער לאַנד באַשיצן,
די ביינער אין סוינעס האַרץ אַרײַנשפּריצן
באַגלייך מיטן פֿייל און בויגן.

נאָר די ווײַסע האָבן בײַגעקומען
מיט ביקס און מיט פּולווער,
אין די פֿעלבן פֿון די טאָלן זיי פֿאַרטריבן;
די פּאַלמען, די בלומען,
דאָס לאַנד און זון פֿאַרנומען.
די נים, די טרויבן און מאַראַנצן
אין גאַנצן צו זיך אין די שייערס פֿאַרקליבן.
קינסטלער געדונגען —
דאָס ראַכוועס פֿון לאַנד איבער וועלט צעקלונגען.
האָבן מאָלער געמאָלן די בערג און די טאָלן,
דאָס גאָלד פֿון דער זון.
פֿון ווײַן דעם זין —
פֿאַר ליכטיקע טעכטער און ווײַסע זין.

האָבן פּאָעטן געזונגען, האָבן פּאָעטן געשריבן:
פֿון יאַמען־זאַפּט, פֿון גאָלדענע מאַראַנצן,
פֿון פֿעלדער, פּאַלאַצן, וואָס בליען און וואַקסן
דורך מי פֿון יאַפּאַנעזער הענט,
אײַנגעטוליעט אין גרינע, קריכנדיקע פֿלאַנצן,
אין בלומען פֿון אַלערליי קאָלירן —
נאָר צו די וואונדן אין די וואָרצלען
האָט מען ניט געוואַגט זיך צו צורירן.

וועל איך דער וועלט שטעכן די אויגן;
וועל אויפֿן וואָגשאָל לייגן
רויע וואונדן בײַ די פֿיס פֿון די בערג;
שורעס סאַניטאַריומס געצויגן,
שפּיטאָלן מיט קראַנקע פֿייגל,
מיט „פּראָלעטאַרישער קראַנקהייט" אַהער געבויגן —
קומען ראַטעווען די גויסעסע ליפּן מיט לופֿט פֿון מאַראַנצן.
שלינגען שטיפֿמאַמע־זון מיט די אויגן.

קלאַמערן זיך מיט וועקסענע פינגער אַן גאַליקן לעבן,
טאָמער וועט געלינגען די צעריסענע לונגען צו דערגאַנצן.
נאָר צייט, ווי שטיין אין אַ פראָסט,
ווייסט ניט פון ראַכמאָנעס,
קומט און שניידט זיי אויס.
דורך וויינענדיקן בלוט שפּייען זיי דאָס לעבן אויס.
ציען זיך אויס, ווי געקוילעטע טויבן,
און די אָפענע מיילער פון צעשפּאָלטענע מידבאָריעס
שלינגען זיי ווי טרויבן.
ווי היישעריקן, די מידבאָריעס, די פרעסער,
פון יאָר, פון טאָג, פון שאָ —
שפּרייטן זיך דאָ,
מערן זיך די בייסוילעמס פעטער און גרעסער.

איך יועל די וועלט אין הארצן בייסן
מיט מעקסיקאַנער, וואָס די ערד דאָ רייסן;
מעקסיקאַנער מיט בראָנזענע פּענימער, מיט קאָווע־הויטן,
האָבן געביטן די קוואָרים, דעם הונגער;
געקומען צום לאַנד פון אייליקער ערד,
צום וואונדער, וואָס באָבעס פלעגן אין מייסעס דערציילן:
אַז דאָס לאַנד האָט צו זייערע זיידעס געהערט.
יונג מיט מאַמעס מילך אויף די ליפּן,
מיט האָפענונג אין די פינקלדיקע אויגן,
דאָס גאָלד דאָ צו זיפּן —
נאָר איידער זיי דערשלינגען דעם ערשטן ביסן
שפּאַנט מען זיי איין צו ראַמען גאַסן,
פירן דעם אָפּפאַל,
רייסן די ערד.
ציען דורך רערן פאַר וואַסערן און גאַזן;
עלעקטרישע ליכט אין פּאַלאַצן
פאַר ליכטיקע דאַמען און צופרידענע הערן.
פאַר הונגער געצאָלט
צום קאַפּיטאַל זיי פון די ביינער דעם גאָלד,
וואָס די מעקסיקאַנער זון האָט אין זיי אַריינגעבראָנזט.
פאַר געצאָלט, די ציינער אויף די פּאָליצעס צו לייגן,
שטעלן זיי איין דאָס לעבן,
צעשניידן שטיינערנע בערג,
צעהייגען פּאָליצע־וועגן.

ציען זיך שורעס מאַשינעס צו די הויכע מידבאָריעס
אויף שטיינערנע ווענט,
וואונדער, ווי אין אַ צירק, צו וועלכע הויכן מיר דערלאַנגען!
צום טייך טאַהאָ,
וואָס וואַרפט זיך אין די אויגן,
ווי אַ רעגנבויגן פון קינדערשע אויגן.

אויף וועגן, אין שטיין איינגעביסן,
גיסן זיך צוזאַמען איינגעשטעלטע לעבנס
פון מעקסיקאַנער,
איבערגעבליבענע, פאַרבלוטיקטע אויגן פון אינדיאַנער,
און פון זון־צעגאָסענעם גאָלד.
אויף רויט, ווי פייער, אָנגעגליטע שרויפן
לאָזן מיר זיך אַרונטער אין די טיפן,
פון יאָסעמיטי טאָלן.
ווערט מען מיט וואונדער אַרומגענומען.
ווי אייביקייט וואָלט איר פאַרמעגן צוזאַמענגענומען,
אין די פאַלדן פון די טאָלן — פון אויצרעס אַ מוזייאום געצויגן —
דערפילט מען זיך ווי צו אַנדערע וועלטן דערפלויגן;
ווי צו דער ערד צופאַלן און אויסקושן די אויגן,
דעם שטיינערנעם שאָלעכץ דורכצובייסן
און די סוידעס אויסזויגן.
נאָר אַז מען כאַפּט זיך אויף פון דעם כאָלעם, פון וואונדער,
ווען מען קלעטערט צוריק אַרויף אויף די שרויפן־וועגן,
בייסן די אויגן
מעקסיקאַנער איינגעשטעלטע לעבנס.
פאַר הונגער־געצאָלט לעבן זיי צו פיר, צו זעקס פאַמיליעס
אין כורוועס פאַר שטיבער,
ערגער, ווי גריבער,
קיין סימען ניט פון מעבל, שלאָפט מען אויף דילן,
ווי מען וואָלט שטיינער געווען, ווי מען וואָלט די ביינער ניט פילן.
שטאָפּט מען זיך מיט רויע מאַצעס
געוואוינהייט פון מאַמעס בריסט אויסגעזויגן.
גרייט מען זיך פאַר די מידבאָריעס אָפענע מיילער,
אין צעשפּאָלטענע פעלדער אויסצוליינען.
נאָר אין די מעלאָדיעס פון זייערע בייגקענדיקע גיטאַרעס
דערפילט מען זייער עכטן צאַר,
זייער שאַרפן צאָרן;
רייסן די בלויע נעכט פון זייערע לייבער די ביימשן
פון ווייסע הערן,
וואָס נאַרן און רייסן אויס דאָס גאָלד פון אונטער די קאַווע־הויטן,
וואָס די מעקסיקאַנער זון האָט פון דוירעס אַריינגעברענט.

אויף אויסגעהאַקטע פּאַלמעס — שורעס גאַסן —
זיינען געשעפטן געוואַקסן.
צעבליטער האַנדל, — שפּיל פון אַקסן.
שנורן סיניאָריטאַס מיט קאָסמעטיק אויף די פּענימער,
מיט מאַמעס־קושן אונטער די קאַווע־הויטן,
מיט מאַמעס טרערן אונטערן האַרצן,
מיט פּעך־שוואַרצע קרויזן שימערירן פינקלענדיקע אויגן.
און ווער עס קען זיך אין די קוואַלן גאַלן אַרונטערלאָזן,
וועט אַרויפקומען מיט עמערס באַווייזן,
ווי שוואַרצע ראָבן, ווייסע האַרן,
זיינען אין זייערע לעבנס געזעסן,
זייער גאָלד געגריזשעט, זייער פלייש געפרעסן.

צייט — ווי שטיין אין פראָסט — איז זיכער געווען,
מיר וועלן זי ניט בייסן.
האָבן זיך אייזבערג געשפּרייט,
זיינען אייזבערג געוואָקסן,
די וועלט און די זון אונז פאַרשטעלט;
אונזער ברויט פאַרוויסט, אונזער וויין אויסגעגאָסן.
האָט אויף אַ ווינקל ערד אַ גליק פּאַסירט:
געבענטשטע הענט האָבן אייזבערג צעפליקט.
איבער גאָרער וועלט האָבן גלאָקן געקלונגען,
געבענטשטע הענט האָבן די צייט אָנגעצונדן.
אַ לאַנד האָט די זון געבונדן.
אַ לאַנד האָט די ביינער געביטן.
איבער גאָר דער וועלט האָבן שטורעמס צעטראָגן
פון זון די בליטן —
איז אונזער לאַנד ניט הינטער געבליבן.
מיט זאַפט פון מאַראַנצן, מיט גאָלד פון לאַנד,
מיט טעכטער און זין פון דער גאָרער וועלט,
קריצן מיר אַ נייעם קאַפּיטל אין דער וועלט־געשיכטע.
מעג מען אונז די זון געטרויען.
מיר ברעכן, מיר ראַמען, מיר בויען.
מיר שמידן שטאָלענע קראַסינס.
מיר וועלן אַרויס פון די פּאַציפישע האַפנס
די גראָבע אייזבערג צו צעשניידן אין פּאַסן.
וועט מען אונז דערזען ווי אַ צעפלאַקערטן וואַלד,
מיט זון אין די הענט;
מיט טעכטער און מיט זין פון דער גאָרער וועלט
וועלן מיר אַנקערן דאָס לעבן ווי אונז געפעלט.

מיינע געסט

דאָס לעבן האָט אין מיינע פענצטער
שטיינער געוואָרפן
און געטראָפן.
זיינען מיינע צעשטויבטע שויבן,
ווי אויסגעגאָסן וואסער,
אין ווינקלען צעלאָפן.

וועל איך, ווי מיין באָבע, מיט שמאטעס
די לעכער ניט פארשטאָפן;
מעג עס זיין ברענענדיקער פראָסט.
די ווינטן וועל איך צונעמען
פאר אָנגעלייגטע געסט.

פאר קיבעד וועל איך זיי דערלאנגען
מיין איינציקן פארמעגן:
צוגעגרייט מיין הארץ.
וואו זיי ווילן זאָלן זיי עס טראָגן.
פאר יעדן שפאלט אין לעבן
איז ווי אָנגעמאָסטן א נאקעטע מיין הארץ.

סאַנבערנאַרדינאָ בערג

קייטן בערג, וויפֿל יאָר האָט איר אַריינגענומען
ניט באַרירט פֿון מענטשלאַכן פֿאַרשטאַנד?
וויפֿל וואַסערן זענען דורך אייך דורכגעלאָפֿן,
געצוואָגן אייערע נאַדלדיקע האָר,
ביז דער מענטש האָט די שליטע איבער אייך געקראָגן?
אַרום אייער לייב אַרומגעשליינגלט וועגן,
הייגנען די וועגן אַרום אייך ווי פֿאַליצעס אויף ווענט;
קריכן אַלט און יונג איבער אייערע הויכן,
וואָס אַמאָל האָבן אָדלער נאָר געקענט דערגרייכן.
אייערע וואַסערן האָט מען געצאַמט
אין אָנבליק פֿון אַ גרויסן בער.
שפּיגלט זיך אין אייך אַ לויטערע די זון,
ווי פֿרייד אין געזונטע קינדער.
ווען אין יאַנטעוו קומען מידע,
טוליענען זיך אין לייב פֿון אייערע וועלדער,
דערגייט מען צו דער פֿרייד,
ווי פֿאַרווינגט אין מאַמע שויס.
ווען איך לייג אויף אייך מיין קאָפּ,
און ניט־געצאַמטע ווינטן
זינגען אין מיר סוידעס פֿון אונזער נאָנטקייט,
צעבליען זיך אין מיר פֿאַר דאָס מייניקע די בענטשונג,
צום מענטשלאַכן פֿאַרשטאַנד און קויאַך
וואָס האָבן די שליטע געקראָגן איבער אייך,
אייערע וואַסערן געצאַמט,
שטיינער פֿון די וועגן אָפּגעראַמט,
אונז דערהויבן איבער אייערע הויכן,
וואָס אַמאָל האָבן אָדלער נאָר געקענט דערגרייכן.

וועג

(לואיז)

וועג,
אָן אַ מיטן, אָן אַ ברעג —
פאַרוואָס אַזוי?
קינד, ניט פרעג.

אַמאָל אומגעריכט
ווערט פול דאָס האַרץ
מיט זון און ליכט,
ווערט יעדער גליד אויפגעריכט.
אַמאָל איין קרומער טראָט
אויף אַ שטעג,
ווי אין אַ וואונד אַ פאַרראָסטע זעג —
פאַרוואָס, מיין קינד, ניט פרעג.

אַף פענצטער
קאָפּ אַף האַנט;
ווער מיר דאַך?
וואָס מיר וואַנט?
פליט דער וועג,
יאָגט דאָס לאַנד.

פאַרוואָס?
קינד, ניט פרעג.
אַלץ אין וועג,
ווי איך און דו,
ווי אין געיעג וואָלט געוועזן די רו.

איך

רוירעסדיקע בריק.
אויסגוס פון שטאָלענע הערצער.
מיינע וואָרצלען געאייזנט אין אור־אַלטע טיפן.
דוירעס האָבן דורך מיר זיך געבונדן — און געשפּאָלטן.
יאַם־שטורמס האָבן צו מיינע ברעגן פולע שיפן צוגעבראַכט,
געאַנקערט זיי אין מיינע אָרעמס.
אין מיין שוים קומען יונגע טויבן זיך פאָרן
מיט דער בענטשונג פון אויפגאַנג.

איצט האָבן פייגל פון צעשטערטע נעסטן,
פייגל פון שענסטן מין,
אין מיינע ווינקלען זיך פאַרקליבן
און פּראָלן דאָס ליד פון אונטערגאַנג ביז צום טויב־ווערן.

שטייגט אויף אין מיר דער אויפגאַנג פון אוראַלטע טיפן.
שטאָלצט אויף אין מיר מיין דוירעסדיקער שטאַם.
א טויזנט־יאָריקער אויפקום וועט שאָלן דורך מיין שטאַם
ביזן אויפגאַנג.

וואָס איז עכט

איך ווייס, מ׳וועט פרעגן
ווער בין איך, אַז איך זאָל זאָגן,
וואָס געךעכט און וואָס איז עכט?
ווע̇ל איך די ציין פאַרבייסן
און וועל אַנטקעגן שטעלן אַלע מאָלצייטן,
וואָס איך האָב אין מיין לעבן ניט דערגעסן;
וועלן ערלאַכע אויגן קעפּ ביז צו דער ערד בויגן.

וועלן אַלץ נאָך קומען טיינעס דורך בייזע אויגן,
ווי שנאָבל פון שוואַרצע ראָבן,
וועל איך מיין מאַמעס ביטער האַרץ,
וואָס איך האָב דורך אירע דאַרע בריסט אין זיך אַריינגעזויגן,
אויף וואָגשאָל לייגן;
וועלן ערלאַכע הערצער פּלאַצן,
וועלן הערצער אויף שטיין זיך זעצן.

וועט מען נאָך אַלץ אָנפאַלן —
ווי לייבן גרייט מיך צו צערייסן,
וועל איך אַנטקעגן בייסן,
מיט קינדער פון הונגער געשוואָלן.
וועלן בערג אַזוינע אויסוואַקסן,
וואָס וועלן די זון פון דער וועלט פאַרשטעלן.

ברויט און וויין זאָל אונז געראָטן

ברויט און ווייַן זאָל אונז געראָטן

ניט אין טפילעס
פון באָבעס און פון זיידעס —
אונזער ישועה.
ניט אין מארק־געשריי,
אין צײַן־געקריץ —
אונזער רפואה

זיך אַליין, ווי ערד,
איבעראַקערן, פאַרזייען,
קעדיי, ווי מיט שעפע אין פעלד,
מיט אייגענער דייפקייט
זיך דערפרייען.

מאַשיאַכן ניט מאָנען אויף קיין פערד,
ניט קיין ווייסן, ניט קיין רויטן רופן.
זיך אַליין אין די פאַלדן פון טרוקענע פעלדער,
ווי פרילינג־רעגן צעטריפן.

זשאַווער מיט ווערטער
ניט באַקאַלכן, ניט באַווייסן,
אייגן ביין אין די מילשטיינער פון לעבן —
פאַר פולן ווייץ, פאַר גוטן מעל ווייסן.

ניט ווי ברוינע בלעטער אין וואַלד
פון ווינטן געיאָגט און געטראָגן:
אין בלוט אַריין בראָנזן די זון,
אויסוואַקסן אין האַרץ, ווי אַ פעלד,
קעדיי דאָס ברויט און דאָס ווייַן
זאָל אונז געראָטן.

פינף א.ן ויבעציק

אייגנס

אין אוראַלטן וואַלד,
די געאָדערטע צווייגן
ווינען נאָך זאַפטיק
פון אונזערע אָוועס בלוט;

עפּשער דעריבער איז אונז גוט,
אונטער צעגרינטע צווייגן,
עפּשער גלעטן עס אונז באָבעס
מיט זייערע גוטע הענט...

פון אויסגעהאַקטע ביימער,
פריש צעזעגטע,
שמעקט מיט יוגנט
פון אונזערע טאַטע־מאַמעס.

דורך אויפגעמויערטער וועלט
ציען זיך אונזערע אייגענע אָדערן,
מיר פאַרזייען זיך —
בליאונג — פאַר קינדס קינדער.

ברויט מיט זאַלץ

(עסטער שומיאַטשער, צו די „שאָען פון ליבשאַפט")

איך האָב ווערטער געשלונגען,
געטרונקען לידער.
זיינען אויף מיר אָנגעפלויגן טויבן
מיט ליכטיקע בסורעס פון פאַרביינקטע גלידער.
וואָס מער איך האָב געטרונקען, מער האָט געצויגן;
האָט אַ צעבליטער וואַלד מיך אין זיך אַריינגעצויגן.

בין איך אַ יונגינקע געוואָרן.
מיט ראָזעווע שיקסלאַך פון פאַרליבטע אויגן
צייטיקע יאַגעדעס געקליבן.
אַז נאַכט איז צוגעפאַלן,
זיינען פאַר מיר אויסגעוואַקסן שטיינערנע בערג,
ביז צו די אַקסלען די לאַסטן.
האָבן אין מיר די גלידער אָנגעהויבן פרירן,
האָב איך געזוכט מיט די אויגן פון דער ערד די טירן.

זיינען מאַמע־הענט אַרום מיר אויסגעוואַקסן,
מיך געפירט צו יאַמען,
צו וואַגלדיקע שיפן,
מיט צעפלאַטערטע ווינטן, מיט ווינעדיקע מאַסטן,
האָבן אונז מעקאַבל פּאָנים געווען לענדער
מיט הונגער און מיט פאַרקריצטע ציינער;
האָט אונז פעלקערס צאַר געזעגנט אין די ביינער.
און אַז דאָס האַרץ אין מיר האָט זיך שיר ניט אויסגעריסן —
האָבן מיך ברענענדיקע ליפּן באַשאָטן מיט קושן,
מיר מילך און האָניק אין האַרצן געגאָסן.
האָבן זיך אונזערע וואַגלדיקע שיפן אָנגעשלאָגן אָן ברעגן,
אין אַ לאַנד אַ ווייטן,
וואו אויך מיר גלייכן זיך מיט לייטן,
וואו איבער נאַכט זיינען אויסגעוואַקסן
איבער די קעפּ ווייץ און קאָרן,
וואו מיר ווערן איבערגעבאָרן.
מיט דער גאַנצער מישפּאָכע באַ געדעקטע פעלדער,
פאַרברודערט, פאַרשוועסטערט, מיט דוירעסדיקע וועלדער,
בליען, גרינען, זשומען, בינען —
פאַרשיטן די וועלט מיט שמעקעדיק געהילץ,
מיט זון און מיט רעגן, מיט ברויט און מיט זאַלץ.

דיינע רייד

דיינע רייד
פארוואנדלען מיין צימער אין א גרינעם וואלד.
אונטער א באצווייגטן בוים
טוליע איך זיך אין דיר.
איבער אונז זינגען פייגל אונזער פרייד.

דיינע רייד
פארוואנדלען מיין צימער אין א פעלד.
אנטקעגן אונז —
בערג מיט בראכבעדיקע טעג.
צווישן גאלדענע פולע זאנגען — אונזער וועג.

היינט

ליכט פון מיינע נעכטנס
לייכטן די ווינקלען פון מיין היינט.
כאלוימעס פון מיינע נעכטנס —
מיינע היינטיקע וואָרן.
פון מיינע נעכטנס די טרערן —
מיין היינטיקער פארמעגן.
אין דעם ברויט פון מיין היינט —
נעכטיקע זון און רעגן.
איז מיר היינט וואויל און גוט צו זאָגן:
איך נעם מיינע זין פאר די הענט
און פיר זיי אויף מאָרגעדיקע וועגן.

צו דיר

איך וויל זיין
אין דיין בעכער דער ווין —
אויף סימכעס זאָלסטו מיך טרינקען.

איך וויל זיין
די וועלעשע נים
אויף דיין יאָנטעוודיקן טיש.
די שאַלעכץ צווישן אונז
זאָלן דיינע שטאַרקע ציין צעקנאַקן.

איך וויל זיין
דיין וואַרעמער מאַלציים
נאָך דיין יעדן טאָג שווערע מי.

***

אין מיינע פאַרלאַנגען
וואַקסן מיינע קינדער ווי די ביימער;
ווי דעמבעס־אַ וואַלד.
פאַרוואָרצלען זיי מיך מיט דער וועלט.

אין מיינע פאַרלאַנגען
גיסט אין מידבאָר אַ רעגן;
אויף זאַמדיקער ערד גרינען פעלדער
און אַלע וועגן זיינען פול מיט זאַנגען;
אַליין בין איך אַ בוים מיט צייטיקע פלוימען.

אין מיינע פאַרלאַנגען
לעבט די גאַנצע וועלט אין שאָלעם.
מיינע כאַווײרים — גוטע טויבן —
דערציילן זיך מייסעס,
ווי מען פלעגט אַמאָל מילכאָמע האַלטן.

קינדער מיינע

קינדער מיינע, ניט געבאָרענע —
מיינע זומער נעכט.
איבער אייך בליען מיינע מאַראַנצן.
אייערע קאַרשן־ליפּן
קושן דורך מיר דעם טאַטן.

קינדער מיינע, געבאָרענע —
נעכט אַנדערע.
מיין שלאָף איבער אייך,
טויבן אין האַרצן.
ווען איך פֿאַל אַ מידע איין —
שטייט מיין האַרץ אייך צוקאָפּנס.

קינדער מיינע, אויסגעוואַקסענע —
וועלטן אייגענע,
געצווייגענע וועגן.
לופֿט זייט איר איצט פֿון מיינטוועגן.
איך בין איצט מער פֿול מיט אייך,
ווי ווען איר זייט אונטער מיין האַרצן געלעגן.

***

קופּערנע טעפּ און אַלטע ספֿאָרים
און מיין גוטער מאַמעס טפֿילעס —
ווי זיי זאָלן מיר ניט געפֿעלן,
וועל איך זיי אויף פּאָליצעס פֿאַרשטעלן.

אַן איינפּאַכע גלאָז מיט קאַלטע, פֿרישע וואַסער
וועגט אייך איבער אין צייט פֿון דאָרשט.
מיטן היינט, צוגעשניטן צו דער ריכטיקער מאָס,
איז פֿול מיין שטוב און מיין דרויסן.
איז ניט פֿאַראַנען וואָס זיך צו גרויסן,
אַז ברויט און מילך, קינדער צו דערקוויקן,
זענען אייביק די בעסטע אַנטיקן.

קען איך מער פֿאַר געוועזענע וועלטן זיך ניט בוקן.
עס זענען פֿול מיינע הענט
מיט היינט און מיט וועלט,
און מיט מאַלצייטן פֿאַר מיינע קינדער צו פֿאַרגרייטן.

אבציק

מיין שווייגן

זינט מיין שווייגן
האָט זיך אין מיר פאַרקליבן —
ליגן מיינע רייד
פאַרשעמט און קראַנק —
ווי פּאָר קראַנקע קינדער
טוט מיר ווי פאַר זיי מיין האַרץ.

איך טראָג מיין שווייגן
אין אַלע מיינע גלידער
מיט יונגן מאַמע ציטער,
ווי מיין ערשטן קינד;
ס'זאָל כאַלילע קיין גליד ניט פעלן,
ס'זאָל ניט ליידן פאַר מיין זינד.

דער טאַטע פון מיין שווייגן
האָט אידישע אויגן.
אין זיינע פעך־שוואַרצע קרייזן
ציטערן ווי ברענענדיקע ליכט אין ווינט
די ווייסע פינגער
פון מיינע פריידן און ליידן.

זאָלסטו, טאַטע, אין דער גוטער שאָ
איבער מיר זיך בויגן.
צוזאמען זאָלן מיר פאַרנעמען
דעם ערשטן געשריי
פון אונזער ציטעריקן שווייגן.

ערד

.1

ערד,
זאָג אליין,
וואָס האָבן מיר ביז איצט פון דיר געהאַט?
אונזערע אייזנס האָבן דיינע פעלדער ניט געאַקערט;
אונזערע מוסקולן פון האַקן דיינע וועלדער
זענען שטאַרק ניט געוואָרן;
פון גאָלדענע זאַנגען און רייפן קאָרן
איז אונזער לייב דערפרישט ניט געוואָרן;
געבלאָנדזשעט האָבן מיר אויף דיין גרויס
דורעס לאַנגע יאָרן.
אונזער בלוט און פלייש, און האָפענונג,
צעשאָטענע פערל אין זומפּן פאַרלאָרן;
פאַר יעדן ביסן ברויט
וואָס דו האָסט אונזער הויזגעזינט געגעבן
האָבן מיר געצאָלט מיט לייב און לעבן.
מיר האָבן קעדווישים דיר געגעבן!
און דו, בלינדע ערד, האָסט אַלץ פאַרנומען.

2

אַ נייער דור איז אויפגעקומען,
מיט וועלט אין האַרץ,
מיט געבענטשטע הענט,
מיט טריט פון אַקראַייזן,
און אים איז באַשערט
באַווייזן אונז דיין ווערט.
די געבענטשטע הענט,
וואָס האָבן שטעט געשמידט
און טורימס דער וועלט צושטעלט,
האָבן וואַקלדיקן, ווינטיקן, מיסטיקן לעבן
איבערגעפלאַנצט אויף לאַנד.
קלינגט עס ווי אַ כאָלעם,
ווי מייסעס פון טויזנט און איין נאַכט;
פעלדער ליכטיקע פאַר אונז צעשפּרייט,
אונזערע רואַווּנס,ביילקעס און גוטע זיידעס,
אַקערן ניי לעבן אויף פריש שמעקעדיקע ערד,
טוען זיך אַריין מיט לייב און לעבן,
וואַקסן צוזאַמען מיט די פעלדער.

איז אונז איצטער, ערד,
וואויל אויף דיין רונדן גרויס,
איינגעטוליעט אין דיין שויס,
ווי זויגלינג אין מאַמע ברוסט,
האָבן מיר איצט דיין ווערט דערוואוסט.
אונטער פרייע הימלען,
אויף פרישע פעלדער אונזער טראָט
אונזער גאַנצער לעבן אַ נייעם טאַמצעם האָט.
מיט אויסגעהונגערטע גלידער
שניידן מיר אַריין אין דיר
מיט ליבשאַפט פון דוירעס לאַנג
אין אונז פאַרשעמט געבליבן —
קושן מיר דיינע גלידער.
אויך דו, ערד,
מיטן זעלבן ענטפער אונז.
צעבלי אַלע דיינע בראָכעס פולע שעפע
פאַר אַלע, אַלע וואָס באַלעבן דיך.

מיט דיר

מיט דיר
שיינט די זון ביינאַכט.

דיין בלוט
צעבליט מיין בליאונג.

אין דיינע ליפּן
מאַראַנצן זאַפט פאַר מיין ברענעדיקן דאָרשט.

אין דיין קול
אַלע אוצרעס פון מיין פאַרמעגן.

אונזער איינס ווערן —
שפּילעוודיקער ווייַן פון אַלע צייטן,
בראָכעס פאַרן לעבן.

דו

(מיינע זונעלאַד)

דו און פריש צעשניטן ברויט
פילן מיינע ווינקלען
מיט זעטיקייט און פרייד.

דו, זון און ליכט שטראַלן —
לויטערער קרישטאָל
פון מיינע לעבנס קוואַלן.

דו, מאַי־רעגן און צעאַקערט פעלד,
צעבליטע בליאונג,
רייפע זומערס פון מיין וועלט.

דו, און אַלץ וואָס בליט פריש
ווי דו —
ווייכער שוים פאַר מידן קאָפּ
ווינט דאָס לעבן צו.

***

ווינטערדיקע פעלדער,
איינגעוויקלט אין ווייסע ליילעכער
פון קלאָרן שניי,
זעען אויס ווי יונגע שלאָפנדיקע פרויען,
וואַרעמען אויס אין די אָדערן פון פעלדער
דעם ערשט פאַרזייטן ברויט.

פרילינג זון
ווי אַ גוטע מאַמע,
מיט פולבלוטיקע ליפּן,
קושט די פעלדער אויס די גלידער;
ברייננט אין אָרדענונג
דעם אָקאָרשט אויסגעשפּראָצטן ברויט.

האַרבסטיקע פעלדער מיט פולער שעפע,
זעען אויס ווי שטאַרקע באָכערים,
גרייט צו קלייבן קאַלעס,
שניטער אונטער רויטע כופּעס
טונקען טאָרט אין ויין —
און זיינען מעקאַדעש וועלט מיט ברויט.

מיינע טרוימען

מיינע טרוימען,
שטילע טויבן,
שוועבן אום אין פרייע רוימען —
פרייע רוימען מיינע טרוימען.

לאַנגע העלדזער
שטאָלצע שוואַנען,
שווימען אום אין קלאָרן וואַסער —
שטאָלצע שוואַנען מיינע טרוימען.

אָדלער פליען
הויך און פריילאַך,
פליען איבער ווייסן וואָלקן —
פליאיקע אָדלער מיינע טרוימען.

וואָל געקרויזטע
אויף סטאַדעס שעפסן,
פיטערן זיך אין גרינע פעלדער —
גרינע פעלדער מיינע טרוימען.

יונגע קינדער.
ליכטיק זינגען,
אין די גאַסן פלעכטן רינגען,
גאַסן־רינגען מיינע טרוימען.

שטאָלצע מענער
אין טיפע שאַכטן,
גראָבן אויצרעס פון די טיפן —
טיפע אויצרעס מיינע טרוימען.

פולע שיפן
אין ווייטע יאַמען,
זוכן ברעגן צו נייע לענדער —
פולע שיפן — מיינע טרוימען.

דער שטורעם

(ה. רויזענבלאַט)

דער שטורעם האָט ניט אויסגעריסן
די וואָרצלען פון אונזער שטאַם;
אין דער טיף
זיינען אונזערע ווילדער צעבליט.

דער שטורעם האָט דעם קרישטאָל
פון אונזערע קוואַלן
אין זיינע פליגל געהאַלטן
און טיפער צוריקגעלאָזט.
ביי די פיס פון גרינע שאָמרים
אויף זיגזאַג וועגן —
זיינען אונזערע קוואַלן
טיפער און לויטער געבליבן.

די יאַמען זענען אונז אויך
גאַנצע געבליבן.
נאָר אונזערע שיפן
רייסן מיט ליכטיקע בסורעס
די פאַרטאָגיקע נעפּלען.

דער שטורעם האָט די נעכט
אין פייערן צעצונדן.
דאָס לעבן האָט אונזערע פּענימער צעברענט.
בליען אונזערע וואונדן —
איז שווער אונז צו דערקענען.

אַ פֿראַגע צייכן

אַז איך זאָל קענען צוזאַמען נעמען
אַלע פֿראַגעס,
אויף וואָס דאָס לעבן
קען קיין ענטפֿער ניט געבן,
און זייד אויסוועבן —
פֿון אַזוינע קאָלירן,
ווי ווען מייקל אַנדזשעלאָ זאָל לעבעדיק ווערן —
מיט זיין מייסטער האַנט, מיט פֿאַרב און פּינזל פֿירן;
און פֿון דעם געוואַנט
זאָל איך מיר אַן לייב אַ קלייד איינשניידן,
אַז וועלכע אויגן עס וועלן אויף מיר בלייבן,
זאָל קאָליר און פּנים בייטן;
זאָל אונטער אַלע זיבן הויטן פֿאַרגיין:
אַז דאָס האַרץ זאָל בלייבן שטיין,
וואָלט איך וואו דערגרייכן?
עפּשער אויף אַ בלאַט בלייבן אַ פֿראַגע־צייכן?

צאַרן, מיינע צאַרן

צאַרן, מיינע צאַרן,
וואָס איז מיט אייך געוואָרן —
האָט איר אָנגעוואָרן
אייערע זיבן פעטע יאָרן?

צאַרן, מיינע צאַרן,
איך לאָז אייך רואיק דאַרן;
מיט נייע צייטן און פרישע יאָרן
בין איך אויפגעריכט געוואָרן.

צאַרן, מיינע האָרן,
די אָקס פון צייט האָט אייך אָנגעוואָרן,
אין שטיין, צי אין דאָרן,
זייט איר אויסגערונען געוואָרן.

צאַרן, מיינע צאַרן,
אייערע זיבן פעטע יאָרן,
זענען אויסגעוואַשן געוואָרן,
עס האָט דאָס לעבן מיר פאַרשוואָרן,
לייבן און אָדלער צו פאָרן.

מיר

אין די פאַרשאָלטענע
די בראָכע איז אריין,
שפּילט דורך אונז
דער לעבנס־ווײַן.

די פאַרשאָלטענע
האָבן דערקענט דעם שטאַם;
ברויזט דורך אונז
דער לעבנס יאַם.

פון קופּער איז געוואָרן גאָלד,
אומגעריכט,
זינגט דורך אונז די זון,
צינדט די וועלט אין ליכט.

מיר פירן פון צייט די באַנען
הין און צוריק,
מיר זיינען די זיילן, דער אייזן
פון לעבנס בריק.

שטייגן מיר אַריבער זיך,
דערגרונטעוועז די טיפן;
מיר זיינען די פירער
פון דער צייט די שיפן.

מיר זיינען אליין דער יאַם
פון לעבן און פון צייט,
אונזערע געלאָדענע שיפן
אין לענדער דוירעס ווייט.

איבער אונז ווינטן צייטיקע
פאָנען פולבלוטיק מיט וויין,
זינגענדיקע זיגער קומען מיר
אין לעבנס שטאָט אריין.

קינדער קומען אונז אנטקעגן
בלוט פון אונזער בלוט,
אין פעלדער פון דער צייט,
דורך אונז דאָס לעבן בליט.

מיר זיינען די פערל
אויפן האלדז פון צייט,
די אוצרעס פון לעבן,
די צירונג פון צייט.

לעבנס זון צינדט פאַר אונז
אין יאָנטעוו אָן די שטאָט,
מיר, פון צייט געהייליקטע,
אונזער זיין — צען געבאָט.

ברויט

(די קאָלאָניזירטע אין רוסלאַנד)

אפשר האָט אַרן ניט געדאַרפט
ווער עס האָט געאַקערט,
געשניטן און געזייט,
סיי־ווי צעגייט אין אַלע ווינקלען
דער קוויקנדיקער ריִאַך
פון פריש־שמעקנדיקן ברויט.

און אַז מען שניידט
ראָד נאָך ראָד —
און קינדער קוויקן זיך
מיט פולע מײַלער געשמאַק אַף ביידע באַקן —
פרעגן זיי ניט ווער און וואָס.
מ׳האָט געאַקערט, געזייט,
געשניטן און געבאַקן.

נאָר בײַ אונדז גרויסע קינדער
טאַנצט דאָס האַרץ פאַר פרייד און וואונדער:
וואָס אייגענע האָבן געאַקערט, געזייט,
געשניטן און געבאַקן,
און אונזער טיש באַצירט
מיט פריש־שמעקנדיקן ברויט.

אַ פּאַראַד

פּויערים נאָך אָקעראייזנס
שניידן דאָס לייב פון דער ערד,
זייענדיק די פּעלדער,
פרעגן זיי דער וועלט —
ווי די ערד זענען פּשוט זייערע רייד:
זאָל מען זיי באַווייזן
עכטערס אויף דער וועלט,
ווי רונדער, גוטער אויסגעבאַקענער ברויט.

נאָך די פּויערים — גערטענער און פּעלדער,
ווײַנטרויבן, אוגערקעס,
קרויט, מאַראַנצן, עפּל מיט באַרן,
פלוימען, קאַרשן, ווייץ מיט קאָרן,
און פּאַשעטע קאַרטאָפל, גרויסע ווי פויסטן —
פרעגן בײַ דער וועלט: צי זענען זיי ניט עכטער
פון דאָן קיכאָט און פּאַוסטן?

צו צווייען אין רייען גייען שוסטער,
מיט האַמער, ווי צינגער אין זילבערנע גלעקער;
מיט דראַטווּעס, קנאַפּל און זוילן — וואונדער מייסעס
זיי דערציילן,
און בעטן, די וועלט זאָל זיי זאָגן:
צי אין וועלכע כאָרן,
צי אין דער גרעסטער סימפאָניע
איז דאָ מער האַרמאָניע,
ווען אין דרויסן גיסט אַ רעגן און ס'גייען גיך,
טריט, טראָט־טריט, טריט אין גאַנצע שיך?

מיט רויטע אויגן, צו צווייען, צו דרייען,
פון מאַמעס מילך דעם צאַר אויסגעזויגן —
גייען שניידער מיט פינגערהויטן, מיט נאָדל־און־זיידן,
מיט אַ וועלט מיט קליידער —
זינגען מאַמע־לידער:
ווי מיר זענען אידן, ווי מיר זענען ברידער —
אין פראָסט, וואַרעמע קליידער
זענען די בעסטע לידער.

באַ פלאַמען און פייערן שטייען שורעס שמידן,
מיט אָנבליק, ווי פאַרגייענדע זונען.
באַ די רונדע רייפן, אויסגעשמיטן אייזן —
פאַרלאַנגען באַ דער וועלט, זאָל מען זיי באַווייזן:
אין אַלע מוזייאומס, אין אַלע ליטעראַטורן —
עכטערע ווערק, ווי אָנגעגליטער אויסגעשמידטער אייזן?

בראָנזענע בעקער, מיט זון אויף די פּענימער,
נעמען אַ האַנט אין פאַראַד;
ברענען די פינגער באַ אָנגעגליטע אויוונס,
טיילן רונדע לאַבנס ברויט, הייסע זעמל און טאָרט
צו מאַמעס און הונגעריקע קינדער ווי שראָט.
מיט גאָלד אויף די ליפּן פאַרלאַנגען זיי מען זאָל זיי באַווייזן:
צי זענען זיי ניט עכער פון די צען געבאָט?

צום מאַן

קוק ניט מער אויף מיר
מיט שלינגענדיקע אויגן,
די ריפּ פון דיין לייב
האָט ביז דיין קאָפּ
זיך שוין דערצויגן.

צעבליטע פאַבריקן
האָבן מיינע צעפּ צעשאָרן,
אייזערנער לעבן
האָט געאַנקערט מיך אין זיינע אָרימס—
בין איך אַן אַנדערע געוואָרן.

איך אייל ניט מער מיין לייב,
ווי מיינע ברוינע שוועסטער,
איך לאָז זיך ניט אין טאַנץ
ביזן האַרץ־פּאַרקלעם.
דאָס לעבן נאָנט צום לייב
בייט איבער מיין געביין.

אין מיינע אָרימס—מויערן פון שטעט,
מיין טראָט — קאָכעדיק און שווער.
דורך מיינע אויגן — וואָכעדיקע טעג,
דער האַרטער שטיין
פון פּיליאָריקן גאַנג.

נאָר אַז איך דערלאַנג דער וועלט
מיין האַנט,
פלאַטערן רויטע כופּעס איבער קעפּ.
אונטער איין פלאַטערדיקער כופּע —
איך און דו
פאָרן יאָם־האַדין פון לעבן.

גייען מיר

מיר רייסן אויף די ערד
און פאַרזייען וואָס מיר ווילן.
צוזאמען מיט דער שעפע רייפט זיך אונזער ווילן.
וועלדער האָבן מיר באַצוואונגען
אין אונזערע אָרעמס זיך צו וויגן;
גאסן, שטעט און לענדער
קענען מיר שלייפן
אין די צעפּ פון לעבן ווי בענדער.

וואסערן, יאַמען, הימל —
איר זייט אונז אויך ניט קיין יאַכסאָנים,
מיר האָבן אייך פאַרנומען —
אויף וועגן ווי אויגן אין קאָפּ —
גייען מיר צו זיבן זונען.

פינף און נײַנציק

דעפּרעסיע

ניט נאָר דער, וועד אין ריי שטייט
מיט בעטל־האַנט
פּאַר קאַווע און פּאַר רעדל ברויט
און האָט שוין פאַרגעסן לאַנג —
דעם טאַם פון דאַך, בעט און מענטש אין זיך,
און וואָלט גערן איבערגעביטן
זיין ווערימדיקן לעבן פאַרן טויט.

די מאַכעשייפע נויט,
האָט סאַם צעוויינט, צעשפּריינט, פאַרזייט —
איימע אויף טעלער און אויף טישן,
וואו מען שלינגט נאָך ברעקלאַך
און מען ווארגט זיך מיט'ן לעצטן ביסן.

הערט מען רייד, פון מאַן צום ווייב,
וואָס שנייט ווי בריטווע דורכ'ן לייב,
וואָס בייסט ווי שאַרפע ציינער:
זאָלן קינדער עסן קאַלזמאַן עס איז פאַראַן,
מיט'ן מאָרגן איז ניט זיכער קיינער.

עסן קינדער ברויט מיט סאַם,
טאַטע - מאַמעס רייד שווער איז צו צעבייסן,
אין פּאָנים לאַכן ברעקלאַך אויף די טישן:
הונגעריקער וואָלף — נויט —
וועט אויסרייסן פון מויל דעם ביסן.

מיט גאַל רעדט דער מאַן:
מיסט אין רינשטאָק איז פאַראַן,
מען דאַרף זיין בלינד, צי טויב,
צו פאַרהערן, צו פאַרקוקן.
דער ווילדער לייב — הונגער, רינשטאָק —
וועט אַלעמען פאַרצוקן.

אויך צו די וואָס באָדן זיך נאָך אין וויין
און עסן ביז מעשוגאַס,
טריפט, גיסט דער סאַם אריין —
אונטער פאַרהאַקטן מויאַך און פאַרשלאָסן האַרץ
האָט דאָס לעבן זיך פאַרשטאָכן,
דער אַקס פון צייט האָט זיך צעבראָכן.

באַנעמט נאָך ניט דאָס האַרץ, ניט די קאָפּ —
די וועלט איז פון די רעלסן אַראָפּ;
פון דוירעס איינגעפונדעוועטע,
רוקט פון די וואָרצלען די ערד זיך אָפּ.

הייננט די וועלט אויפן שטריק פון צייט,
ניט אַרויף, ניט אַראָפּ;
קלינגט אַ יאָמער צו דער זון:
מיר קומען אום,
ראַטעווע, ראַטעווע אָפּ.

דערהערן וועלדער פון מענטש אַזוינע רייד,
רייסן זיך באַ זיי די הערצער אָפּ.
אַז די וועלט איז מיט'ן קאָפּ אַראָפּ,
מיט'ן מאָרגן איז ניט זיכער קיינער,
ווער קען וויסן?
אויך מיר ווערן מיט די וואָרצלען אויסגעריסן.

קריגן בייעס עס צו וויסן,
פון באַשיצער אַזוינע דיבורים,
רייסן דורך די פעלן,
אין טויט־שרעק באַפאַלן —
שפּאַלטן זיך די שאַרבנס;
וועט מען מיט קיין זיכערן טויט ניט שטאַרבן.

דערלאַנגט צו די בערג דער גערודער,
רינט דאָס בלוט אויס פון די גלידער,
רוקן זיך אוראַלטע בערג
אויף אַנדערע ערטער איבער.

זקיינים־יאָמען
קענען אויך דאָס ניט אויסהאַלטן,
פּיצלען זיי זיך שפּאַלטן,
זוכן טירן פון דער ערד —
וואו זיך צו באַהאַלטן.

קוואַלן מיט איידעלע פּענימער,
צום גוטן נאָר באַרופן,
ווי איבערגעשראָקענע קינדער,
שרומפּן אין די טיפן,
איינגעקאָרטשעט, איינגעצויגן,
פאַרשליסן זיי די אויגן.

וואָלקנס אָנגעטרונקען, אָנגעזויגן,
קריגן פיבער,
גייען די ברוסטן באַ זיי איבער,
ווערן זיי צעריסן,
לאָזן זיי זיך אויף דער ערד —
אין אַ מאַבל אַראָפּגיסן.

און אַז די ערד הייגנט זיך
און דאָס לעבן טרינקט זיך,
קען מען דעם טויט נאָר פאַרלירן ;
קומען בלוט צו געבן
פון גאַרקים אוניווערזיטעטן, פּראָפעסאָרן,
מיט די אַקושאָרן,
וואָס האָבן די וועלט באַהאַנדלט
פון זינט זי איז געבאָרן,
מיט די וואָס האָבן זיך פאַרשוואָרן,
דאָס לעבן צו דערפירן —
צו מייסים, מייסעס,
די צייט אין די אָרעמס צו נעמען,
צו צווינגען צו נייעם בעריישים.

מאַמע מיינע

מאַמע מיינע

מאַמע מיינע!
איך קען, ווי דו, קיין ליכט ניט בענטשן.
מיט עלעקטרישע לאָמפּן
איז דאָך ליכטיקער דער טיש.
צי בין איך גליקלאַכער פון דיר —
דאָס ווייס איך ניט געווים.

מיינע קינדער
זאַטער און פריילאַכער,
ווי איך בײַ דיין אָרעמען טיש.
צי בין איך גליקלאַכער פון דיר —
דאָס ווייס איך ניט געווים.

פון דיין צניעס אין מיין בלוט
אויף מיין אויסזעען —
קיין סימען ניט געווים.
צי בין איך גליקלאַכער פון דיר —
דאָס ווייס איך ניט געווים.

***

מאַמע מיינע !
דו, אין ליכט־בענטשן,
מיט הענט איבער די אויגן
פלעגסט קומען צו אַנדערע וועלטן
פון צאַדיקים און גאַניידן.
איך בענטש ניט קיין ליכט
און פאַרשטעל ניט די אויגן.
פּאָנים על פּאָנים
שטיי איך מיט אַנדערע וועלטן,
וואו אַלע וועלן צאַדיקים זיין,
פאַר טרערן וועט מען טרינקען וויין.
אויף סימכעס וועט מען זיך מייסעס דערציילן
פון איצטיקן פּיין;
פרייד וועט אויף אַלעמען לויכטן,
ווי די שכינע אויפן רעבנס טיש
אין קידעש־שאָ.
אין מיטן פון קאַראַהאָד
וועט מיין האַרץ אַ נאַקעטע טאַנצן,
וואָס אויך איך בין דאָ.

אזוי ווי מיין קינד

אמאָל בין איך יונג
אזוי ווי מיין קינד ;
בוי קאַרטן־שטיבלאַך
און לאָז מיטן ווינט.

אמאָל בין איך אַלט
אזוי ווי א בארג,
מיט שטורעמס און האָגל
האָט דאָס לעבן מיך ניט געקארגט.

עס זיינען אויך פרילינגס געווען ;
זונען האָבן געשמאָלצן
דאָס אייז פון מיין צאַר.

ווען מיין צאַר וואָלט אינגאנצן
צערונען געוואָרן,
וואָלט אויף דער וועלט
א מאבול געוואָרן.

מיין צאַר

וואָלט איך קענען פון מיין צאַר
זייד אויסוועבן,
וואָלט איך מיר א קלייד גענייט
און באַיאָנטעווט מיין וואָכעדיק לעבן.

וואָלט איך קענען צאַר
אויף שנורן ציען, ווי קאַרעלן,
וואָלט איך אויפן האלז עס טראָגן,
עפשער וואָלט עס מיר העלפן
מיין געליבטן צו געפעלן.

וואָלט איך קענען מיין צאַר,
ווי א סאַמעטענעם באַנד,
אין די צעפּ איינבינדן,
וואָלטן מיר דימענטן געוואָרן
מיינע מאָנצעבליטע וואונדן.

אין שאָטן

אריבער די ליכטיקע טעג
א נאַכט איז אַרונטער אויף מיר:
ער גייט אַרום, ווי אַ שאָטן,
און רעדט ניט קיין וואָרט אויס צו מיר.

איך, ווי אין דער פרעמד וואָלט פאַרבלאָנדזשעט,
געפּין זיך שוין מער ניט קיין אָרט,
אַרום אונז ביידן דער שאָטן —
ביידע, מען רעדט ניט קיין וואָרט.

דאָרשטיקע נעכט, ווי מידבאָריעם;
טעג — ווי דער גאָלעם פון פאָלק;
ביידע פאַרגליווערט אין שווייגן —
און איך דערגיי ניט קיין טאָלק.

צי איז דאָס אַ קלאָלע פון צייט,
צי עפּשער די קלאָלע אין אונז —
גייען אַרום מיר צוויי מייסים,
און דאָס לעבן — עס גייט פאַרביי אונז. ..

איך פרעג ניט בא קיינעם קיין פראַגעס,
און ער זאָגט מיר אויך ניט קיין וואָרט.
גייען אַרום מיר צוויי מייסים,
איז פאַר ביידן ניטאָ מער קיין אָרט.

מאַמעס פאַרמעגן

עס האָט מיין טאַטע מיר מיטגעגעבן
זיינע בלויע אויגן און געקנייטשטן שטערן —
פון אַלע צייטן די צאָרן:
לייען, באָרגן, דייגעס־פּאַרנאָסע;
פאַרשעמטע הענט און ליידיקע טישן —
זיין פאַרמעגן.
זיין לעבן — אַ פאַרשטיינערטער וואַלד —
אין מיינע אויגן.

ווען די גאַנצע וועלט ווערט מיר,
ווי אונטער איין הארצן געלעגן,
קומען צוריק מיינע שיפן פון ווייטע וואָגלען,
גיסן זיך איבער מיינע לאָגלען,
מיין האָב־און־גוטס באַ אַלע ראַנדן פון לעבן;
מיינע געבענטשטע פעלדער אויפגעריכט,
מיין שעפע מיט זון און מיט רעגן.

אויף מיינע גרינע לאָנקעס פּיטערן זיך שעפסן.
אויף מיינע ביימער — פולע מיינע נעסטן
מיט פייגל פון אַלערליי מינים —
איז עס פּונקט, ווי אָפּגעמאָסטן, גלייך, ווי אָפּגעוואויגן —
ליבשאַפט, וואָס די מאַמע האָט אריינגעקושט מיר אין די אויגן —
מאַמעס פאַרמעגן פון אירע ברוסטן אויסגעזויגן.

הונדערט און פיר

אלמאָנע

זינט די ערד האָט אין איר לייב
דיך איינגעשלאָסן —
איז קלעפּעדיק און שוואַרץ מיין לעבן.
יעדע נאַכט פאַר מיר אַן אייביקייט.
דער טויט
בייסט מיין ביינקענדיקע לייב.

נאָר אין די לעצטע רעגעס פון נאַכט,
אַז איך פאַל אין קראַנקן דרעמל איין,
צעברענט מיין בלוט
באַ דיין ניט דאַאיק לייב.
ווערט ליכטיק אונזער כאַלעם.
דער טויט ווערט איינגעשרומפּן,
ווי אַ פלאַטערדיקע שוואַרצע ראָב
פליט ער ווייט אַוועק.

קומט אָן דער טאָג
מיט ביינערדיקע, קאַלטע הענט;
צעעפנט מיינע אויגן —
ווערט די שוואַרצקייט געדיכטער אַרום מיר,
ווי ציטערדיקע בלעטער אין ווינטן
וויינען מיינע גלידער אויפן אָפּגענאַרטן כאַלעם.

פאַרוואָס האָסטו, ערד,
ניט צוגעדעקט אַלע נעכט און טעג
אין דער רעגע, ווען דו האָסט אין דיין לייב
מיין וועלט פאַרשלאָסן?

שטאַרקט זיך נאָך דער ווייַן

אין מיין בלוט
שטאַרקט זיך נאָך דער ווייַן,
וואָס מיין טאַטע האָט בראָכע געמאַכט.

אין מיין האַרץ
טוליענען זיך טויבן
פון מיין מאַמעס טפילעס.

אין מיינע אייגעלייגטע לאָקן
ציטערן מיין באָבעס גוטע פינגער
און איר בענטשנדיקע האַרץ
לייכט מיר צו דעם וועג.
עפשער דעריבער בלייבן מיינע טריט
ניט שטעקן
אין זאַמד פון מיינע וואָכעדיקע טעג?

עס ציט מיך צו דעם יאָנטעוו וואָס וועט נאָך זיין;
מערער און עכטער וועט ווערן דער ווייַן —
אויף נייע בראָכעס.

צוזאַמען

באַזונדער
זיינען מיר זילבער.
צוזאַמען זיינען מיר גאָלד.
אַז מיר שניידן דורך
אונזער גאָלדענעם איך
איניינעם
די וועלט צו געווינען —
ווערן מיר
אַ מינע פון דימענטן.

מיין ליכטיקער טרויער

איך טו מיר אָן
מיין ווייסע, זיידענע קלייד
און פאַרבעט צו זיך
צוגאַסט די פרייד.

איז די פרייד באַ זיך
אַ גאַנצע פּרינצעסן,
האָט זי אין דער ריכטיקער צייט
צו קומען פאַרגעסן.

און עפּשער איז זי טאַקע ניט קיין נאַר,
וויל ניט גיין מיט קיין געזונטער קאָפּ
אין אַ קראַנקער בעט —
אַ פולע האַרץ מיט צאַר...

אַזוי, צי אַזוי,
הויבט עס מיר אַזוי אָן צו פאַרדריסן,
אַזש דאָס האַרץ ווערט
פאַר צאַר צעריסן.

אי מיט אַ קלייד, ווי דער ערשטער שניי;
מיט אַ סאַמעטענעם באַנד אין די האָר,
און מיט אַטלעסענע שיך —
האָט די פרייד געמעגט זיין
ניט אַזוי גייוועדיק באַ זיך.

צינדט זיך אָן אין מיר דער צאַר,
ווי יאַנטעוודיקע ליכט,
ברענט אַ ליכטיקער טרויער
אין אַלע מיינע גלידער
דורך מיין ווייסן קלייד,
פון דעם סאַמעטענעם באַנד אין די האָר
ביז צו די אַטלעסענע שיך.

דין לעבן מיינס

דין לעבן מיינס!
אין דיין ווייסן שיין
שטיי איך אַ טפילעדיקע,
ווי מיין גוטע מאַמע פאַר די בענטש־ליכט,
בעט פאַר דאָס גאַנצע הויזגעזינט,
פאַר אַלץ פון דעם אויפגעגאַנגענעם לעבן.

דין לעבן מיינס.
אין דיין ווייסן שיין
גיי איך ווי מיין פרומער פאָטער
אין פאַרטאָגיקע טפילעס
ביזן שפעטן טאָג אַריין.

דין לעבן מיינס!
זאָל ווי זילבערנע לעוואָנע־שיין
אויף אַ שלאָפיקער שטאָט —
דיינע ווייסע שטראַלן
אין שפעטער שאָ
אויף מיר פאַלן.

***

מיין איך,
אַ באָרוועסער בלאָנדזשעט אום
אין די ענגע ווינקלען פון דער וועלט.

אין ברענענדיקער קעלט
און אויף אָנגעגליטן שטיין
גייט מיין האַרץ אַ נאַקעטע אַליין.

איז עכט מיין פּיין
און שאַרף מיין פרייד.
באַם אייגן בלוט טרינק איך דעם ווײַן
ביזן שיכער זיין.

צוקריג איך זיך מיט מיינע ביינער
און מיט מיינע גלידער,
וואָס וויינען ווי קראַנקע קינדער
דורך די נעכט, איך זאָל שרייבן לידער.

מאמע מיינע

מאמע מיינע!
מיין לעבן פון דיינעם
טויזנטער מיילן ווייט,
דאָך לעבן אין מיינע אָדערן
דיינע פרומע באַגערן.
דו, אין ביין־האַשמאָשעס,
אין דיינע פרומע שאָען
פלעגסט בעטן פאַרן גאַנצן הויזגעזינט,
פאַרן קלאַל ייסראָעל,
אין אונזער איינגן שטיבל,
אויף שטילער גאַס, אין קליינעם שטעטל,
פלעגט ליכטיק ווערן.
דיין פרומער פּאָנים פלעגט פלאַמען,
ווי די רונדע, רויטע זון
אין די לעצטע מינוטן פון הייסן טאָג.
דיינע ליכטיקע באַגערן גייען מיר נאָך
אויף אַלע וועגן.
איז אַ טפילע מיין לעבן,
איך צי ווייטער דיין שנור,
פאַר אַלע, וואָס לעבט.

***

אין מיין הארץ
בליט דער וואלד פון אלע צייטן —
נאָר מיינע צווייגן
רוישן מיט די ווינטן פון היינט.

איך, דער שאָטן פון די צייטן,
אונטער די פלינלען פון די ביימער
טראָג ארויס מיין קאָפּ
צו דער אויפגעגאנגענער זון.

דער פרימאָרגן צעעפנט מיינע אויגן,
קוק איך דורך די בלויקייט פון צייטן.
מיינע אָרימס צעשפרייטן זיך איבערן וואלד,
טוליע איך דאָס לעבן צו מיין ברוסט.

מיינע מאמע־ליפן
קושן אויס די וואונדן פון לעבן.
מיין הארץ פארנייט אין וויג־ליד —
וואקסן זאָלסטו, לעבן זאָלסטו, לעבן!

מיין פּנים

מיין פּנים — אַ נאַאיוועַר,
ווי בא אַ נים־דערפאַרן קינד,
דאָך טריפט אין מיינע גלידער,
אַ ניט געלאָשענע זינד.

מיין באָבעלע האָט געלערנט מיך:
אַז צנועקייט איז שיין,
גוט און פרום צו זיין —
ווי מאַמעלע און ווי זי אַליין.

הייבן מיינע יונגע בלוטן
אין מיר אָן צו פלאַמען,
נעמט מיך איין די צנועקייט
פון באָבעלע און מאַמען.

צערטלט מיך און גלעט
ווי אין פעלד אַ מילדער ווינט,
מאַכט מיין פּנים צאַרט און ריין,
ווי בא אַן אומשולדיק קינד.

לייד איך טיף און שטיל
פון צוויייאיקן געפיל,
וואָס רייסט אין מיר —
דער טייוול זינד,
און פון צנועקייט וואָס נעמט מיך איין,
ווי אַ מאַמע אַ קראַנק קינד.

דער מאַמעס אָנדיינק

מוטער ראָכל!
איך קען אויף דיין קייווער ניט פאַלן,
דו זאָלסט אַ גוטע בעטערן מיר זיין.
מיינע הענט —
מיט פולע קרוגן טרערן,
מיט פולע עמערס וויין,

מיט קינדער זינגענדיקע,
מיט קינדער וויינענדיקע
פול דאָס האַרץ, ווי די קריג.
די גלידער רוען ניט,
ווי קראַנקע קינדער אין וויג.

מאַמע מיינע!
דיינע טפּילעס קען איך מער ניט זאָגן,
כאָטש אין בלוט עפּשער קען עס נאָך זיין.
מיינע הענט — פול
מיט פרישע פּעסער האָניק, מיט פולע יאָמען פּיין.

אויף מיינע אַקסלען

אין מיין בלוט
וויינט מיין מאַמעס טפילעס,
וואָס זענען צו די הימלען ניט דערגאַנגען.

אין מיין האַרץ
טוליענען זיך טויבן —
פון מיין מאַמעס ווייכקייט.

אין מיינע אָדערן,
די אָנגעצויגנקייט
פון מיין טאַטנס האַרט לעבן.

מיין הויט בייַנקט
נאָך די זון שטראַלן —
וואָס האָבן מיינע אָוועס ניט פאַרברוינט.

אין מיינע אויגן,
פאַרכאַלעשטער שוים,
פון יאַמען טרערן — ביי מיר פאַרגאָסן.

אויף מיינע אַקסלען —
זעק זאַמד,
פון אַלע טיפן, וואָס דאָס לעבן
האָט אַרויסגעוואָרפן.

נאָר מיינע אָרימס
האַלטען אָפן ברייט די טויערן
לאָזן אַריין דאָס ניט־דערגעבענע אין לעבן.

האַרבסט

האַרבסט,
ווי די באָבעלע מיט פולע אויגן,
וואַרפט אויף מיר אַן אומעט.

וועלדער
געקאָרטשעט און געבויגן
מיט ברוין־רויטע בלעטער —
זומערס טאָהרע ברעטער.

פעלדער מיט ברוסטן איינגעצויגן,
מיט ליידיקע בייכער און געקאָרטשעטע פּענימער;
מיט רויטע אויגן,
ווי זקיינעס צו לעווייעס פון גוטע־אידן,
באַקלאָגן זייערע אויסגעלעבטע יאָרן.

זומער מיט די פּיס צום טיר געצויגן
וואַרט אויפן לעצטן קאָוועד.
וואָלקנס וויינען אויס די פולע הערצער:
באַלייטן טויטן זומער אין אייביקער רו.

אַלטוואַרג,
ווי אַליין זיך אויסצוליינען,
מיט ברענענדיקע ליכט אַרום שוואַרצן אָרן
זיינען מעקאַבער דעם זומער מיט אייגענע יאָרן.

צאַר

וואָלסטו, צאַר,
געווען מיינער נאַר,
וואָלט איך דיך אויסגעריסן,
ווי אַן ערשטע גרויע האָר.

וואָלסטו, צאַר,
געווען נאַר פון מיין הויזגעזינט,
וואָלט איך אַרום דיר געגאַנגען,
ווי אַרום אַן אויסשיט אויפן צאַרטן לייב
פון מיין איינגסטן קינד.

ביסטו, צאַר, אין מיר
יעדערנס, אַלעמענס, וואָס איז ביז מיר געווען:
אין וועמעס אויגן איך האָב אַריינגעקוקט,
און וואָס איך וועל קיינמאָל נים זען.

פון רונד אַרום —
צאַר אין מיר.
איז דאָך קיין וואונדער נים,
וואָס צאַר, ווי אַ קלאַפּערשלאַנג,
רונדעט רונד אַרום מיין האַרץ.

אין וואונדער

זאָג מיר, קאַפּיטאַן

זאָג מיר קאַפּיטאַן!
דו ביזט געווען אין לענדער אַלערליי,
עפּשער ווייסטו וואו דאָס לאַנד,
וואו מיין האַרץ בענקט אַזוי.

זאָג מיר קאַפּיטאַן!
דו האָסט געזען מענטשן אַלערליי,
עפּשער האָסטו מיין געליבטן וואו געזען?
עס בענקט מיין האַרץ נאָך אים אַזוי.

זאָג מיר קאַפּיטאַן!
דו האָסט געטרונקען געטראַנקען אַלערליי,
עפּשער ווייסטו פון אַזאַ געטראַנק,
וואָס קען שטילן אין מיין האַרץ דעם טיפן וויי.

מיינע לידער

פֿאַרלאַנגען ניט דעריאָגטע,
טעג ניט דערטאָגטע,
טפֿילעס ניט דערזאָגטע.

שלאָפֿן ניט דערשלאָפֿענע,
שוואַנען ניט דערשוואומענע,
כאַלוימעס ניט דערקומענע.

קלאַנגען ניט דערקלונגענע,
געזאַנגען ניט דערזונגענע,
וועגן ניט דערגאַנגענע.

שנורן ניט דערצויגענע,
פּערל צעשאָטענע,
פֿרוכטן פֿאַרבאָטענע.

סוידעס איינגעשלאָסענע,
אָדלער ניט דערפֿלויגענע.
צאַרן פֿרעמדע, איינענע.

צום שרייבער

גראָבע ביכער אָנגעשריבן —
זאָג מיר:
זיינען דיינע קרוגן
ליידיק ניט געבליבן?

גאַנצע פעסער דער וועלט געגעבן
פון דוירעס בעסטן וויין —
איז כאָטש אַ פולער בעכער דיר געבליבן
אויף בראָכע פאַר דיין זיין?

צי פון דער זון,
וואָס דו האָסט פאַר דער וועלט געצונדן,
איז כאָטש אַ ליכט פאַר דיר געבליבן
אויף האַוודאָלע נאָך דיין זיין?

צי וועט מאַמע ערד
מיט מערער ליבשאַפט דיך פאַרוויגן
פאַר די ביכער,
וואו דו האָסט דיין לעבן אויסגעשריבן?

מאַן פון מיין הארץ

מאַן פון מיין הארץ!
ווי א מוטער, וועלכע ווארט אויף איר קינד
פון א לאנגער נעסיע,
ווארט איך אויף דיר.
ווי די זון, וואָס ברענט און גליט —
אין מיין כאָלעם אויף דער וואָר
מיינע טירן אָפן ברייט פאַר דיר.
אין שטילע נעכט הער איך דיינע טריט —
מיין הארץ גייט דיר אנטקעגן.

אַרום מיין שטעטל

אַרום מיין שטעטל
פליסט אַ טייך,
קלאָר, פריש און טיף,
איז די בייַנקשאַפט
נאָך מיין שטעטל:
קלאָר, פריש און טיף.

אַרום מיין שטעטל
בליט אַ וואַלד,
מיט דעמבעס —
שטאַרק שטאָלץ און גרין,
איז מיין בייַנקשאַפט
נאָכ'ן וואַלד,
גרין, שטאָלץ און שטאַרק.

אין מיין שטעטל
געוועזן איז איינער,
ווייסן פון מיר און אים,
דער וואַלד, דער טייך און די צעדערן,
מיין בייַנקשאַפט נאָך דעם איינעם —
דאָס בלוט אין מיינע אָדערן.

אין רעגעם

(פרץ הירשביינען)

פאַראַנגען רעגעם אַזוינע,
ווען עס טוט זיך אָפּ פון מיר
מיין אייגן הויט.

אין שלייערן קלאָרע
פריש ווי באַגינען,
באַוויַיזט זיך אין ריינקייט צנועס
מיין בייַנקען.

שפּרייט זיך מיין בייַנקשאַפט ווי פליגל,
הויבט מיך אַריבער דער טורים
פון פּיין און יעסורים.

שטייג איך העכער און העכער
אַריבער די פעלזן פאַרלאַנגען,
און גלייך צו די הימלען.

גיס ווי בוימל אויפן פייער
מיין אייגן בלוט,
זינגט צו מיר פון ברענענדיקן גלוט
א פייערדיקע בשורע:

דו ביסט געלייטערט,
דו ביסט געלייטערט.

ווי א לויטערן פּערל
ציט א האַנט דיך
אויפן שנור פון אייביקייט.

מיינע זין

איך האָב געבראַכט אייך אויף דער וועלט,
נאָך איידער איך האָב אַליין געוואוסט
דעם זין פון דער וועלט.
איך האָב אייך געגעבן דאָס לעבן,
נאָך איידער איך האָב אַליין געוואוסט
דעם זין פון לעבן.

זין, מיינע זין!
ווי עס ווילט זיך מיר איצט אייך בעטן פאַרגעבן,
אויסוויינען מיין פולע האַרץ.
בין איך דאָך אַ מאַמע, מוז איך גוטע ביישפּילן געבן,
ווען איך זאָל מיין האַרץ אייך לייגן אויף אַלע וועגן
און אייך אויסקושן די טאָוועסן פון די אויגן,
וועט דאָס לעבן סייווי אייך פירן אויף זיינע וועגן.

***

ס'פאַלט אויף מיר אַמאָל
אַן אומעט אָן,
ווי שטורים־רעגן אין אַ פינצטערער נאַכט —
ווערט אַ מאַבול אין אַלע מיינע גלידער,
ראַטעווע איך זיך אין דיר,
מיין קליין שיפעלע, מיין שיין אינגעלע...
איך מיט דיר אין מיטן יאַם —
אַנטקעגן בייזן שטורימדיקן לעבן.

ביראָ־בידזשאַן

בירא־בידזשאַן,
צו דיר איז מיין בייִנקשאַפט געבויגן.
מיט ליבשאַפט פון די טעכטער פון מיין קלאַס
קוש איך דיינע אויגן.
וועסטו דאָך אַזויפיל ליבשאַפט ניט פאַרשעמען ;
טיף אין דיין האַרץ אונז פאַרנעמען.
וועלן מיר טנאָאים שרייבן
אויף דיינע פאַרזייטע פעלדער,
כופּעס שטעלן אונטער דיינע בלויע הימלען.
אויף דיין רייפן ווייץ און קאָרן
וועלן מיר אין צייט פון געאָדערטע יאָרן
דוירעס געבאָרן.
וועט אונז ציען אין טיפער ווייט
געשיכטע אונזערע פאַרשרייבן :
פערל אויפן האַלז פון אייביקייט.

אין כאָלעם

(י. בלומען — א מאַטאָנע)

מיר האָט זיך אין כאָלעם גערעכט:
ס'האָט זיך מיין טרויער צעלאַכט.

מיין צווייפל האָט זיך צעהוליעט,
די ביינקשאַפט האָט פעסט מיך געטוליעט.

פיין האָט געקושט מיר די אויגן,
טרייסט, ווי א טויב, דורך מיין בלוט איז געפלויגן.

מיין צאַר האָט געלאַכט און געלאַכט,
און איך האָב געטאַנצט מיט דער נאַכט.

מעשומעד לעהאַכעם

מײַן פאַרשטאַנד, ווי אַ גרויער לערער,
טײַטלט צו מיר מיט די פינגער:
פון דער ליבשאַפט פון מײַנע זונעלאַך
און פון מאַנס גוטע רייד
זאָל איך זיך נייען אַ רואיקע זײַדענע קלייד.

פון דער זון פון לאַנד,
וואו איך לעב שוין אַ האַלב לעבן באַלד,
ווי פון טײַערן געוואַנט,
זאָל איך זיך אַ מאַנטל אויספּאַסן,
עס זאָל צו אַלע מײַנע גלידער צופּאַלן,
ווי אויסגעגאָסן.

מיט אַ מאַנטל, ווי צעבליטער מאָן,
ווי די זון, וואָס פאַרגייט אין אַ יאַם,
קען מען אַפילע אין סיביר
פאַרפרוירן ניט ווערן —
עס קענען ניט צושטײַן פון לעבן די בערן.

איז מײַן האַרץ אַ מעשומעד לעהאַכעם,
קען קיין ציפּער ניט פאַרטראָגן.
איז גרייט פאַר אַלע ווינטן
אויף זייערע רוקנס זיך צעיאָגן.

פאַרשוועסטערט, פאַרברידערט
מיט האָגל, מיט דונערן, מיט בליצן
איז עס ווילד גרייט
אויפן אײַזיקן שאָלעכץ פון לעבן
רונד אַרום זיך גליטשן.

מיין ליד

ווען איך דערפֿיל דיך, ליד, אין מיר
ביסטו דער מייסטער איבער מיר.
נאָר אַז איך האָב דיך שוין אויפֿן פּאַפּיר,
הויב איך זיך אָן דינגען מיט דיר.

דינג איך זיך מיט אויסיעס,
קריג זיך מיט ווערטער,
און אין פֿילע ערטער,
וואו ווערטער ווילן זיך ניט רירן —
נעם איך זיי, ווי קינדער פֿאַר די הענט,
אויף מיינע ווענן זיי צו פֿירן.

אין גאַנג בערוויגנזן מיר זיך אָן,
ווי מיר וואָלטן איינס דאָס אַנדערע
געשטעלט אין קאָן.
קומט די ליבשאַפֿט, ווי אַ מאַמע,
קושט אונדז אויס די אויגן.
ווערן מיר זיך אַזוי נאָענט,
ווי מיר וואָלטן אונטער איין הארצן געלעגן.

פון מיר און דיר

די זון שיינט היינט פאַר מיר,
ווי דער ליכטיקער פּנים פון מיין קינד.
איך וואַרט אַ גאַנצן טאָג אויף דיר
און אויף דעם ווייכן אָוונט־שוים,
און פאַר די וויגעדיקע פרייד —
אין אייביקייט די גרוים.

איך זע דיך קומען גלייך מיט אָוונטס טריט.
אַלדאָס גוטס פון לעבנס קלאַנגען
צעשפּילט אין מיין געמיט,
אַלע קאָלירן פון אויפגעגאַנגענע פאַרלאַנגען
אין מיין בלוט פאַר דיר צעבליט.

דאָס קינד אַנטקעגן מיר און דיר.
דאָס ליכטיקע פון אונז —
וועט מיט וואַקסנדיקע טריט
אויסעסן דעם סאָד.

הונדערט און דרייסיק

פון איצט

איך זיץ אויפן שטיינערנעם גאַניק פון איצט
און וואַרים זיך אויף דער אייביקער זון.

איך עס דעם ברויט פון היינט
און פאַרטרינק מיט וואַסער פון קוואַלן,
ווער ווייס פון וועלכע ווייטן?

בערג און וואַלד שטייען מיר אַנטקעגן.
היינט טריפט אויף מיר,
ווי אויף ערשט־אַרויסגעשפּראָצט גראָז אַ פרישער רעגן.
מיינע קינדער טוליענען זיך אין מיר, ציען מיך צו אייביקייט.

לעוואַנע

ניט גענוג, לעוואַנע,
וואָס מיט טויזענטער יאָר צוריק
האָסטו דיין בלייכן פּאָנים אויך געוויזן.
אין ביינקענדיקע הערצער ווי מיינע,
האָבן דיינע קאַלטע שטראַלן
געשטאָכן ווי מיט שפּיזן.

איך זע זיי יענע ארויפקוקן צו דיר,
דורכגענומען מיט דיין קאַלטער ליכט —
וויינט מיין הארץ אין מיר,
צי איז אין טויזנט יאָר
נענטער אויף א האָר די בענקשאפט, קלאָרער?

איך קוק דיר גלייך אין בלייכן פּאָנים
שיטסט אויף מיר דיין קאַלטע ליכט
ווי ערשטן שניי
און ציסט דיין אַנגעפלאַנטן וועג.
און איך שטיי באַם ברעג און פרעג:
פון אַדעמס צייטן ביז אַצינד
ביסטו אַזוי פיל מאָל אין מיטן הימל געוועזן,
זאָג, עפשער ווייסטו, צי אין אַלע יאָרן
איז די אומרו אַן אַנדערע געוואָרן?

גייסט דורך דורך מיר מיט דיינע קאַלטע טריט,
נאָר לעשסט ניט אויס אין מיין האַרץ
מיין ברענענדיק פארלאַנג.
זינט כאווע האָט זיך צוגעדעקט מיט א בלאַט,
האָסטו אַזוי פיל מאָל דיין ווייסן קאָפּ
אין וואַלד פון וואָלקנס געהאַלטן —
עפשער האָסטו דאָרטן דיין בענקענדיקע האַרץ
ווי מיינע אויסגעוויינט —
זאָג, פון זינט דו ביסט געבאָרן,
ביז דו ביסט א ווייסע טויב געוואָרן,
איז דער טויט פאַרן גויסעסן אַן אַנדערער געוואָרן?

אין צאַר

אין צאַר
איז מיין האַרץ מיר אַ שלייפשטיין.
שלייף איך מיין צאַר ביז שימערירן,
וויקל זיך איין אין מינענדיקע קאָלירן;
שטעל זיך קעגן שפּיגל —
דערזע אין מיינע אויגן
אַ טרערן רעגנבויגן.
הויב איך זיך אָן געפעלן צו ווערן
אין פּיין און טרערן.
עפענען זיך פאַר מיר ווייטע טירן;
פליען דורך מיר טויבן מיט טרייסט.
קלאַפּט מיר אין האַרצן אַ געזאַנג,
ווי איך וואָלט דערהערט טריט
פון מיין געליבטנס גאַנג;
לויף איך אנטקעגן אָפענע טירן,
ווי מיין פּיין וואָלט מיך צום יאָנטעוו פירן.

פרעגן

פרעגן — אייביק ווייַן —
דו ביסט אין מיינע ביינער.
אָן דיר וואָלט מייַן לעבן זייַן
קייטן, בערג און שטיינער.

אויף אַלע וועגן
גייט מייַן הארץ דיר אנטקעגן,
און עס בעטן זיך די אויגן:
ביז מייַן שפּעטן זון־פאַרגייַן
זאָל דייַן שטאַרקייט ניט אויסוועבן.

ביז די נאַכט וועט מיך נעמען
די וויעס צו פאַרשליסן;
ביז דאָס הארץ וועט בלייבן שטייַן —
זאָלסטו פרעגן — אייביק ווייַן —
אין מיינע אייוורים זיך גיסן.

לידער

(לואין)

גאָלדענע קערנער
אין ווינקלען פון לעבן,
ווי פּערל אויף שנורן געצויגן
ווי טויבן פון האַנט אַפּגעלאָזט
און פאַרפלויגן.

שיפן אין יאַמען געשוואומען
מיט אוצרות און פאַרמעגן
צו ברעגן
און צוריק ניט געקומען.

ארומגענומען האַרץ
מיט פרייד און פּיין,
באַם טיש מיט קרוגן וויין,
מאַכן בראָכע
אויף זיין און ניט זיין.

סודות אויף פאַרמעט געקריצט,
פון נעכטן און היינט,
און פון מאָרגן —
אוצרות געבונדן, פאַרבאָרגן.

ווי פון גאָלדענע האַרפן
טענער און קלאַנגען,
וואָס קיין האַנט און קיין אויג
קען ניט דערלאַנגען.

ווי זוניקע בסורות
שרייבן זיך שורות,
ווי קינדערשע גלידער
וואַקסן אוים לידער.

ניט דערוואַרט

א לעבן לאַנג האָב איך געוואַרט
און דיך, מיין ליבסטן, ניט דערוואַרט.

לאַנגע נעכט — שוואַרצע בערן —
האָבן געפּרעסן מיין באַגערן.

מיינע טעג און מיינע יאָרן
אין וואָגן פון דער צייט אַוועקגעפאָרן.

דורך די קוואַלן פון מיין האָפן
זיינען יאַמען דורכגעלאָפן.

דורך קאַלטע טעג און בייזע יאָרן
איז מיין לייב א ליידיק זאַק געוואָרן.

פאַלבט מיין הויט, מאַנט און קלאַגט
היילע ביינער דאָס לעצטע וואָרט עס זאָגט:

דו וועסט קומען קלאַפן אין מיין טיר,
וועט עס אָפן שטיין פאַר דיר.

דו, א מידער, וועסט אריין —
נאָר איך, מיין ליבסטער, וועל ניט זיין.

א לעבן לאַנג אָפּגעוואַרט,
און דיך, מיין לעבן, ניט דערוואַרט.

ליידיק, ריין וועט שטיין א בעט ;
דו וועסט קומען שוין צו שפּעט —

איך וועל פון לייט און גאָט זיין ווייט,
אויסגעטאָן פון דיר, פון זיך —
א שטילע פעלד, א שטיקל ערד וועט האַלטן מיך.

מינוטן

מיט מיינע דימענטענע מינוטן
האָב איך דורכגעשניטן
די הארטע שאָלעכץ פון מיינע יאָרן.
זענען שאָען אַזוינע געוועזן
אויסגעשיילטע מאַנדליאָדערן.

טעג און נעכט, וואָס האָבן זיך ניט געשניטן —
האָבן מילשטיינער געמאָלן,
זיינען געוועזן אַזוינע מינוטן,
אויף מיינע פאַרזייטע פעלדער
איז ערשטער שניי אויסגעפאַלן.

האָבן פויגל ערשטן שניי געשלונגען
מיט ציטערדיקע שנאָבלען;
מיט לאַבעדיקע פליגלען,
געצווינגן צו טראָפּישע לענדער,
האָט הייסע זון אין מיינע צעפּ געפלאָכטן
זיידענע בענדער.

געליבטע האָבן צעבונדן די קנופּן —
דימענטן אין מיינע צעלאָזטע צעפּ
קושן פון ברענדיקע ליפּן.
געבענטשטע רעגעס האָבן צוזאַמענגענומען
פון מיינע גלידער די בליטן.

ווען אונטער מיין הארצן
האָבן זיך געטוליעט נאַקעטע טויבן,
האָב איך מיט ציטערדיקע ליפּן געציילט
פאַרגייענדיקע זונען אויף שויבן.

צעזאַמענגענומען פון מיינע פעלדער די שעפע—
דורכגעוויקט געוואָרן מיט קינדערשע אויגן,
מיט קאַרשן, מיט זאַפטיקע פלוימען,
עס וואַקסן מיר איבער מיינע זין ווי די בוימען.

האָגל גייט אויך ניט אין ניוועץ

(לואין)

אין די יאַמען פון מיין ביינקשאַפט
באָדן זיך זומערדיקע וועלטן.
גענייטע שווימער שווימען ווייט פון די ברעגן,
נאָר צו מיר קענען זיי ניט קומען.

אין די וועלדער פון מיין אומרו
רייסן שטורעמס די צווייגן מיט די וואָרצלען;
אייזערנע מענער האַקןביימער,
זעגן ברעטער, שניידן צו נייע וועלטן.

אין די פעלדער פון מיין ליבשאַפט
איז זון און רעגן אָנגעמאָסטן;
האָגל גייט אויך ניט אין ניוועץ —
אַ גערעטעניש, אַ שעפע, אַלע וועלטן צו באַברויטן.

זינגט־זשע !

זינגט־זשע, זינגט־זשע, קינדערלאך,
יוגנט איז געזאנג ;
אז מען לעבט ניט יונגערהייט,
טוט עס שפּעטער באנג.

שפּרינגט־זשע, שפּרינגט־זשע, קינדערלאך,
שפּרינגט אריבער שטריק ;
יעדער טאָג, וואָס גייט אוועק,
קומען ועט ניט צוריק.

טאַנצט־זשע, טאַנצט־זשע, קינדערלאך,
פלעכט זיך אויס אין קרענץ ;
שמעקט דאָס לעבן — אייער זיין —
איר אליין זייט טענץ.

לאַכט־זשע, לאַכט־זשע, קינדערלאך,
לאַכן איז געזונט ;
ניט געבאַלעמט, ניט געטראַכט,
לאַכט און זייט געזונט.

שטיפט־זשע, שטיפט־זשע, קינדערלאך,
שטיפן איז קעדיי ;
ווי צו דעם, וואָס אָן א שטיף
דאָס לעבן גייט פאַרביי.

אין וואונדער

אונזער פּיין האָט זיך פאַרקנוילט,
ווי אין ווינטער מידע בערן.
פון אונזער צעטריפטן צאַר
איז זאַפטיק געוואָרן די רוי־ערד.
אונזערע וואָרצלען זענען אויפגעגאַנגען,
בליען די ביימער פון דער וועלט;
די פעלדער פון דער צייט זיינען פול
מיט שווערע, פעטע זאַנגען,
די שטאַרקע פון דאָר אין דערוואַרטונג —
די רייפע צום גאַרבן.
די זון גיסט עמערווייז איר גאָלד
אַף די פעלזן פון שטיינערנעם לעבן
בויגן זיך פאַר אונז די ריזן.
דער טאָג ברענגט אינגאַנצן אונז די וואַכקייט.
אין אונזער שטאָט איז אָנגעקומען דער לאַנג־דערוואַרטעטער יאָנטעוו,
ווי זיגנדע אַרמייען צוריק אין אייגן לאַנד.
אונזערע בעכערס פול
מיטן שטאַרקסטן וויין פון אַלע צייטן.
פון מויל צו מויל,
מיט האַרציקע בראָכעס פאַר אַלעמענס געזונט.
דראָטלאָזע טעלעגראַמען ברענגען אונז פון גאָרער וועלט
קיילעכדיקע בסורעס פון צוזאַמענרייד.
דער שטורם האָט גאַנץ געלאָזט אונזערע שווערע לופט־שיפן,
אונזערע געוואַגטע פליער איבער ווייטע וועלטן —
לעבן זאָלן אונז.

צום קינסטלער

אוראַלטער וואַלד, אוראַלטער וואַלד!
איך טראָג דיך אין מיין בלוט —
מיט וואונדן צעצונדן,
די ווייט־רויטע ליכט
פון צעבליטע פרימאָרגנס,
מיט אַלע, וואָס זענען אױף שטיינער געפאַלן,
מיט בלוט און לעבן געצאָלט
פאַר די וועגן, וואָס מיר זענען דערגאַנגען.

ריטם, זיין און צייט
גאָלדענע צונגען
און קופּערנע גלעקער
צעקלונגען,
אַקסלען פון שטאָל, אָרעמס פון אייזן,
שמידן און שמעלצן
אַרכיטעקטורן
אין דער לענג, אין דער טיף —
דעם ביניען פון לעבן.

פאַנטאַזיע, ראָזע מאָרגנס,
זוניקע בלוט און זינגענדיקע שניטער,
זעגן אין לייב פון ריזיקע דעמבעס,
וויגט זיך דער וואַלד אין ראָזעווער פרייד.
פאַלן די דעמבעס, פאַרהילכן דאָס לעבן,
ווי זשומען פון בינען אין גאָלדענעם האָניק,
ווי וויין אויפגעשפּילטער אַריבער די פעסער.
בויען, בויען און בויען...
מיט הערצער, ווי זונען
דורך אייגן בלוט טראָגן ווייטער און ווייטער ניוואָוע.

פון אומעטום

איבער שטאָט, איבער פעלד,
איבער לאַנד, איבער וועלט
זיינען מיר מעקאַבער דעם פיין.
שווארצע נעכט —
אונזער אמאָליקער זיין.

אויפגעגעסן ברויט —
זאַפט פאַר ליידיק פעלד.
באַבע מייסעס,
אַז אָן דעם שעמעוודיק שטעטל
אַ מידבער איז די וועלט.

דאָס לעבן טראָגט מיט זיך
אַלע דוירעס מיט,
דעמבעס פון אוראַלטן וואַלד,
אויצרעס ביז אונז געוועז,
וואַקסן דורך אונז און בליען.

מיט אייביקייט גייען מיר,
מיט רונדע, פולע טרים,
מיט רייפער טוואָוע
צייטיקן מיר זיך מיט.

איבער שטאָט, איבער פעלד,
איבער לאַנד, איבער וועלט —
צום נייעם טראָגן מיר זיך אַנטקעגן.

אונזערע טריט

זינגען אונזערע טריט אונזערע באַגערן,
קען מען, ווי גלאָקן־קלאַנג,
אינמיטן נאַכט אונז הערן,
דורך אונז זינגט פול און גאַנץ דאָס לעבן.

אין אונזערע זינגענדיקע טריט
ציען מיר צו נייע וועלטן.
אין גרינעם פרייד וויגן זיך אונזערע וועלדער,
עס גרויסן זיך אונזערע בערג אַנטקעגן
עס קושן אונזערע טריט די וועגן.

מיר זיינען די בסורעס
איבער ערד און איבער יאַמען ;
מיר ברעכן די טראַכטן פון לעבן,
מיר גייען און קומען אַנטקעגן.

מיין מידקייט

זאָלסט מיר, מיין מידקייט,
ניט ווערן קיין קארעלן,
איך זאָל דיך אויפן האַלז ניט טראָגן,
אימיצן צו געפעלן.

זאָלסט מיר, מיין מידקייט,
קיין ווארעמע דעקע ניט זיין,
ווען ס'קלאַפּט אין קעלט מיר די ציין —
זאָל מיר מיט דיר ווארעמער ניט זיין.

זאָלסט מיר אויך ניט ווערן
קיין זענעפּט מיט ברויט,
ווען ס'בייסט אין די ביינער די נויט.
איך וואָלט דיך אויך ניט וועלן
פאַר וואַסער, אָדער ווייַן,
מיין ברענענדיקן דאָרשט צו שטילן.

נאָר אויב דו ווילסט מיר כאַוועד זיין
פאַר מיינע פאַרשפּילטע נעכט און טעג —
זאָלסטו מיר שפּילקע זיין,
טיף אין האַרץ אריין,
בּאַ די, וואָס טרינקען מיינע קויכעס,
ווי מען טרינקט אויף סימכעס ווייַן.

אויף וועגן

אויף וועגן,
וואו עס גיסט די זון איר ליכט,
ווערן שטיינער פול מיט זון;
קריגט מיין שטיינערנער לעבן א זין.

אויף פעלדער,
וואו עס בליט פון זאמד וויין,
ווערט מיין וואכעדיקער לעבן
שטארקער פון וויין.

אויף בוימער,
וואו פרוכטן נידערן די צווייגן,
ווערט מיט א זאטע וועלט מיר פול מיינע אויגן;
פיר איך מיינע דארשטיקע לעמער צו פרישע קוואלן.

אינהאַלט

אין גאַנג

אין גאַנג — 5
העגט — 6
דאָס האַרץ פון דער וועלט — 6
טייַנעס — 7
קינד מייַנס — 8
דאָס לעבן אַנטקעגן — 9
צום מאַן — 10
שאָף ליד — 11
מיט יעדן טאָג — 12
מיט דיר — 13
זונטיק — 14
איך וואָלט וועלן זייַן — 15
מייַן וועג — 16
סאָוועטנלאַנד — 17
רעגנס — 18
פרילינג — 19
פון וויַיטן וואַנדער — 20
רייַן און ווייס — 21
מייַן פרייד — 22
זעגלען — 22
„מאַכן טיי" — 23
סערפּ און האַמער — 24
לענין — 25
אונזער זיג — 26
איך גיי — 27
אוניווערזיטעטן — 28
מאַנטיק — 29
מיר און איר — 30
הייַנט — 31
מייַן שייַכעס — 32
דאָס לעבן — 33
אין געיעג — 34
צען יאָר סאָוועטנלאַנד — 35
דער לעצטער מאַלצייַט — 36
אונזער קאַמף — 37

דאָ אין לאַנד

דאָ אין לאַנד — 41
מייַנע פיס — 42
עס זאָגט מייַן האַרץ — 42

קאַליפאָרניע — 43
קייטן בערג — 46
שאַבעס באַטאַג — 47
צו מיינע זין — 49
פאַרמישפּעטע כאַוויירים — 50
זאַל — 51
זעקס באַגינענס — 52
ברוינע שוועסטער — 53
מיין היים — 53
שטאָט ליד — 54
נאָנעס — 55
אַ גאַס באַנאַכט — 56
גאַסן — 57
אָרגלען — 58
סאָרע בלעטערט — 60
בא אונז אין לאַגער — 62
קאַליפאָרניע — 63
מיינע געסט — 67
סאַנבערנאַרדינע בערג — 68
וועג — 69
איך — 70
וואָס איז עכט ? — 71

ברויט און וויין זאַל אונז געראָטן

ברויט און וויין זאַל אונז געראָטן — 75
אייגנס — 76
ברויט מיט זאַלץ — 77
דיינע רייד — 78
היינט — 78
צו דיר — 79
*** — 79
קינדער מיינע — 80
*** — 80
מיין שווייגן — 81
ערד — 82
מיט דיר — 83
דו — 84
*** — 84
מיינע טרוימען — 85
דער שטורעם — 86
אַ פראַגע־צייכן — 87
צאַרן מיינע צאָרן — 88

מיר — 89
ברויט — 91
אַ פּאַראַד — 92
צום מאַן — 94
גייען מיר — 95
דעפּרעסיע — 96

מאַמע מיינע

מאַמע מיינע — 101
אַזוי ווי מיין קינד — 102
מיין צאַר — 102
אין שאָטן — 103
מאַמעס פאַרמעגן — 104
אַלמאַנע — 105
שטאַרקט זיך נאָך דער וויין — 106
צוזאַמען — 106
מיין ליכטיקער טרויער — 107
דין לעבן מיינס — 108
*** — 108
מאַמע מיינע — 109
*** — 110
מיין פּאַנים — 111
דער מאַמעס אנדיינק — 112
אויף מיינע אַקסלען — 113
האַרבסט — 114
צאַר — 115

אין וואונדער

זאָג מיר קאַפּיטאַן — 119
מיינע לידער — 120
צום שרייבער — 121
מאַן פון מיין האַרץ — 122
אַרום מיין שטעטל — 123
אין רעגנס — 124
מיינע זין — 125
*** — 125
ביראָ־בידזשאַן — 126
אין כאַלעם — 127
מעשומעד לעהאַכעס — 128
מיין ליד — 129
פון מיר און דיר — 130

פון איצט — — — — — — — — — — — — — — — — — 131
לעוואַנע — — — — — — — — — — — — — — — — — — 132
אין צאַר — — — — — — — — — — — — — — — — — 133
פרעגן — — — — — — — — — — — — — — — — — — 134
לידער — — — — — — — — — — — — — — — — — — 135
ניט דערוואַרט — — — — — — — — — — — — — — 136
מינוטן — — — — — — — — — — — — — — — — — — 137
האַגל גייט אויך ניט אין גיוועץ — — — — — — — — 138
זינגט־זשע — — — — — — — — — — — — — — — — 139
אין וואונדער — — — — — — — — — — — — — — — 140
צום קינסטלער — — — — — — — — — — — — — — — 141
פון אומעטום — — — — — — — — — — — — — — — 142
אונזערע טריט — — — — — — — — — — — — — — — 143
מיין מידקייט — — — — — — — — — — — — — — — 144
אויף וועגן — — — — — — — — — — — — — — — — 145
אינהאַלט — — — — — — — — — — — — — — — — — 147